ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוָון פון חיזוק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ ראש יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת נֹחַ

תשפ"ד

319

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


מֶעג אַ בָּחוּר לֶערְנֶען זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ?........................................א

מִתְפַּלֵל זַיין מַיין וַוייבּ זָאל וֶוערְן אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ, וֶוען זִי בֶּעט דִי פַּארְקֶערְטֶע?............ב

פֶּעלְט אוֹיס צוּ נֶעמֶען אַ בַּאגְלֵייטֶער אִין שְׁפִּיטָאל פַּאר אַ שִׂמְחָה? ........................ד

פַּארְוָואס נֶעמְט מַיין שְׁוֶוער אָן לָשׁוֹן הָרָע׳ס קֶעגְן בְּרֶסְלֶב?............................ה

וָואס קֶען מֶען טוּן פַּאר שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חֲלוֹמוֹת?........................................ט

וָואס טוּט מֶען וֶוען דִי וַוייבּ שְׁרֵייט אַסַאךְ אוֹיף מִיר?............................י


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


אַ הֶערְלִיכֶע יוֹם טוֹב סוּכּוֹת........................................................א

נִישְׁט אַרָאפְּטְרֶעטְן פוּן בֶּעט אָן נֶעגְל וַואסֶער.......................................יד

אַז אַייעֶר קִינְד וֶוערְט גֶעטְשֶׁעפֶּעט, רֶעדְטְס צוּם מְלַמֵד און מְנַהֵל ..................טו

מַזָל טוֹב צוּ דִי חֲתוּנָה פוּן אַייעֶר זוּן ..............................................טו

הֶער אוֹיף רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה, קֶענְסְטוּ צוּרִיק קוּמֶען אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ .................טז

אַנְשְׁטָאט קוּקְן אוֹיף הֲרִיגוֹת און רְצִיחוֹת, זָאל מֶען קוּקְן חִיזוּק אוֹיף אֱמוּנָה ............ יז

דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ, וָואס פְּרִיעֶר אִיז בֶּעסֶער........................יח

דִי נֵייעֶס פַּארְכַאפְּט און פַּארְוואוּנְדֶעט הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער נֶעבֶעךְ .....................יח

חוּמָשׁ רַשִׁ״י לֶערְנְט מֶען יֶעדֶעס יָאר פוּן פְּרִישׁ.......................................יט

רֶעדְט מִיט דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה ......................................................כא

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**מֶעג אַ בָּחוּר לֶערְנֶען זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הַאלְט אִיבֶּער לִימוּד הַזוֹהַר פַאר בְּחוּרִים? מֶעגְן בָּחוּרִים לֶערְנֶען זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אָדֶער נִישְׁט?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, אִסְרוּ חַג סוּכּוֹת, כ"ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַוַדַאי זָאלְן בָּחוּרִים זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר, אוֹיךְ קִינְדֶער זָאל מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן זוֹהַר. מוֹהֲרָא"ש בְּרֶענְגְט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק פוּן קָאמַרְנָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (נוֹצֵר חֶסֶד אָבוֹת, פֶּרֶק ד): "לוּ עַמִּי שׁוֹמֵעַ לִי", הַלְוַאי זָאל מֶען מִיךְ אוֹיסְהֶערְן, "בַּדּוֹר הָרַע הַזֶּה", אִין דֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר, "שֶׁהַמִּינוּת גּוֹבֵר", וָואס עֶס אִיז דָא אַזוֹיפִיל שְׁלֶעכְטְס, "הָיָה לְמֵדִים עִם תִּינוֹק בֶּן תִּשְׁעָה שָׁנִים סֵפֶר תִּיקּוּנֵי זוֹהַר לַהֲגוֹת בָּהּ", וָואלְט מֶען גֶעדַארְפְט צוּגֶעוואוֹינֶען קִינְדֶער פוּן דִי נַיין יָאר זֵיי זָאלְן עוֹסֵק זַיין אִין לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר, "וְהָיָה אָז יִרְאַת חֶטְאוֹ

קוֹדֶמֶת לְחָכְמָתוֹ״, וָואלְט דָאס זֵיי גֶעהָאלְפְן זֵיי זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן דֶעם יֵצֶר הָרָע; קוּק נָאךְ אִינֶעם סֵפֶר.

בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אָנְגֶענוּמֶען, אַז מֶען לֶערְנְט זוֹהַר יוּנְגֶערְהֵייט - וֶוערְט מֶען מְשׁוּגָע, מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט שְׁפֶּעטְן דֶערְפוּן; מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט: ״פוּן לֶערְנֶען זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ ווערְט מֶען נִישְׁט מְשׁוּגָע, מְשׁוּגָע וֶוערְט מֶען פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְּלָן״; חֲטָאוֹת נְעוּרִים - דָאס מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ מְשׁוּגָע, זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אַז מֶען לֶערְנְט - וֶוערְט מֶען אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מִתְפַּלֵּל זַיין מַיין וַוייבּ זָאל וֶוערְן אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ, וֶוען זִי בֶּעט דִי פַארְקֶערְטֶע?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם יָאר צוּ עֶנְדִיגְן גַאנְץ חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה, וָואס אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אִין לוֹיף פוּנֶעם גַאנְצְן יָאר. אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר אַלֶע חִיזּוּק אוּן עֵצוֹת.

עֶס מַאכְט מִיר לַאכְן וֶוען אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מַיין וַוייבּ זָאל שׁוֹין מְקוּרָב וֶוערְן צוּ בְּרֶסְלֶב, אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט אִיז מַיין וַוייבּ מִתְפַּלֵּל אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין אָפְּלָאזְן בְּרֶסְלֶב, אִיךְ זָאל וֶוערְן אַ ... חָסִיד.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת בְּרֵאשִׁית, אִסְרוּ חַג סוּכּוֹת, כ״ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, חֵיפָה**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט אַ גַאנְץ יָאר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ**

מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, דִי קוּמֶענְדִיגֶע יָאר הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה זָאלְסְטוּ אוֹיךְ לֶערְנֶען רַשִׁ"י. עֶס אִיז נִישְׁט עַל מְנָת שֶׁתַּעֲלֶה לְרָקִיעַ, יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען דָאס בַּאוַוייזְן; טֵייל אַיין דִי פַּרְשָׁה לוֹיט דִי וָואךְ, לֶערְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ תַּרְגּוּם מִיט רַשִׁ"י, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; אַזוֹי בְּמֶשֶׁךְ דִי יָאר וֶועסְטוּ עֶנְדִיגְן חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה מִיט רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ. דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ זִיצְן אִין הֵיכַל פוּן רַשִׁ"י אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט; אַזוֹי הָאט דֶער הֵיילִיגֶער שַׂר שָׁלוֹם פוּן בֶּעלְזְא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט: "וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י, אִיז פַארְזִיכֶערְט אַז עֶר וֶועט זִיצְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אִין דִי הֵיכַל פוּן רַשִׁ"י", אוּן פוּן מוֹהַרָא"שׁ הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט: "וֶוער עֶס לֶערְנְט אוּן עֶנְדִיגְט יֶעדֶע וָואךְ חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י, אִיז זוֹכֶה צוּ זִיצְן אִין רַשִׁ"יְ'ס הֵיכַל נָאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט", דָאס הֵייסְט דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן וֶוערְט אַן אַנְדֶערֶע לֶעבְּן; אַ זִיסֶע לֶעבְּן, אַ לֶעבְּן מִיט הֵיילִיגְקֵייט.

בְּנוֹגֵעַ דַיין וַוייבּ וָואס זִי בֶּעט אַז דוּ זָאלְסְט אָפְּלָאזְן בְּרֶסְלֶב אוּן דוּ בִּיסְט מִתְפַּלֵּל זִי זָאל מְקוּרָב וֶוערְן צוּ בְּרֶסְלֶב; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זִיךְ, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, דוּ זָאלְסְט זַיין בַּיים אֱמֶת, גֵיי אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ אוּן שְׁרֵיי (תְּהִלִּים פו, יא): "'**הוֹרֵנִי ה' דַּרְכֶּךָ אֲהַלֵּךְ בַּאֲמִתֶּךָ יַחֵד לְבָבִי לְיִרְאָה שְׁמֶךָ', וַוייז מִיר וואוּ אִיז דִי אֱמֶת, אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט נַארְן מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן**"; בֶּעט פַאר זִיךְ, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ בֶּעטְן פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה אוּן פַאר אַלֶע אִידְן, אַלֶע זָאלְן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה.

זַיי זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן קֵיינֶעם, גֵיי דַיין וֶועג, זַיי עוֹסֵק אִין תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת אוּן לֶערְן דַיינֶע שִׁיעוּרִים בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, אוּן דַיין וַוייבּ זָאלְסְטוּ מְכַבֵּד זַיין, זָאלְסְט שֵׁיין רֶעדְן צוּ אִיר מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן עֶהְרֶע; וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען אוֹיפְן אֱמֶת'ן וֶועג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פֶּעלְט אוּיס צוּ נֶעמֶען אַ בַּאגְלֵייטֶער אִין שְׁפִּיטָאל פַּאר אַ שִׂמְחָה?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם ווִיל אִיךְ זִיךְ זַייעֶר בַּאדַאנְקֶען פוּן טִיפְן הַארְצְן פַּאר דִי הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּט אַזוֹי שֵׁיין אִיבֶּער, מִיט אַבְּנָארְמַאלֶע כֹּחוֹת.

דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן בַּאשַׁיינֶען מַיין נֵייעֶ חֲתוּנָּה גֶעהַאטֶע לֶעבְּן אוֹיף אַ פַּארְנֶעם וָואס מֶען קֶען נִישְׁט בַּאשְׁרַייבְּן. אִיךְ קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן ווִי אַזוֹי אִיךְ וָואלְט זִיךְ בַּאגַאנְגֶען אָן דֶעם.

אִיךְ וָואלְט גֶעוָואלְט ווִיסְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה'ס מֵיינוּנְג אוֹיף דִי פָאלְגֶענְדֶע:

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר וַוארְטְן אוּנְזֶער עֶרְשְׁטֶע קִינְד בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת, אִיךְ בִּין אָבֶּער נִישְׁט רוּאִיג מִיט דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַיינְגֶעשְׁרִיבְּן פַּאר קְלַאסְן וָואס הֶעלְפְן זִיךְ צוּגְרֵייטְן צוּ דִי שִׂמְחָה, אוּן גֶענוּמֶען דִי זֶעלְבֶּע פְרוֹי זִי זָאל זַיין מַיין בַּאגְלֵייטֶער אִין שְׁפִּיטָאל, כָּאטְשׁ וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט נָאר גוּטֶע אִינְפָארְמַאצְיֶע אוֹיף אִיר. אִיךְ פִּיל אַז אִיךְ ווִיל גֵיין נָאר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַלֶעס גֶעפִירְט אַזוֹי גוּט אוּן פֵיין בִּיז אַהֶער, אוּן אִיךְ ווֵייס עֶר וֶועט מִיר הֶעלְפְן אוֹיךְ ווַייטֶער; אֵיין מָאל אִיךְ מִישׁ דָא אַרַיין אַ פְרֶעמְדֶער, פִּיל אִיךְ ווִי זַאכְן טוּישְׁן זִיךְ.

אִיךְ טְרַאכְט אַז אִיךְ זָאל עֶנְדֶערְשׁ דָאס אָפְּלָאזְן, צוּרִיק נֶעמֶען דָאס גֶעלְט אוּן עֶס נוּצְן אוֹיף זִיךְ גֵיין אָפְּרוּעֶן נָאכְדֶעם; אִיז דָאס רִיכְטִיג צוּ טוּן?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, אִסְרוּ חַג סוּכּוֹת, כ״ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זַייעֶר צוּ הֶערְן ווִי אִיר שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת אוּן חִיזוּק. אִיר שְׁרַייבְּט אִינֶעם בְּרִיוו, אִיר ווֵייסְט נִישְׁט ווִי אַזוֹי אִיר וָואלְט גֶעקֶענְט לֶעבְּן אָנֶעם רֶבִּי״ן, דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, מֶען קֶען טַאקֶע נִישְׁט

לֶעבְּן אָנֶעם צַדִיק; מֶען לֶעבְּט אַ פַּארְלָאשֶׁענֶעם לֶעבְּן, אָן טַעַם, אָן חַיוּת, פּוּל מִיט צַעַר אוּן וֶוייטָאג, אוּן דֶער צַדִיק, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי - גֶעבְּט אַ טַעַם אִין לֶעבְּן, מֶען שְׁפִּירְט אַ זִיסְקֵייט יֶעדֶע רֶגַע אִינֶעם לֶעבְּן.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; עֶס פֶּעלְט טַאקֶע נִישְׁט אוֹיס, דָאס גְרִינְגְסְטֶע אִיז וֶוען מֶען גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן וֶוערְט גְרִינְגֶער וֶוען מֶען גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיכֶער וֶוען מֶען גֵייט צוּם גֶעבוֹירְן - אִיז דָאס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ב.): "שְׁלֹשָׁה מַפְתֵּחוֹת בְּיָדוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא שֶׁלֹּא נִמְסְרוּ בְּיַד שָׁלִיחַ", אֵיינֶע פוּן דִי שְׁלִיסְלֶען אִיז דֶער שְׁלִיסְל פוּן גֶעבוֹירְן.

עֶנְדֶערְשׁ נֶעמְט דִי גֶעלְט אוּן גֵייט זִיךְ אָפְּרוּעֶן נָאכְן הָאבְּן דָאס קִינְד, ווִי אֵיידֶער אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט פַאר זִיךְ לֶערְנֶען ווִי וְכוּ׳; מֶען וֶוערְט דָארְט גָארְנִישְׁט קְלוּגֶער, מֶען וֶוערְט נָאר מֶער דֶערְשְׁרָאקְן.

פוּן וֶוען אִיר גֵייט אַרַיין אִין שְׁפִּיטָאל זָאלְט אִיר זִיךְ אוּנְטֶער זִינְגֶען: "כִּי טוֹב הַשֵּׁם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט", דָאס אִיז מְסוּגָל פַאר אַ גְרִינְגֶע גֶעבוּרְט. אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן ב), מִזְמוֹר לְתוֹדָה אִיז מְסוּגָל לְהוֹלָדָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַּארְוָואס נֶעמְט מַיין שְׁוֶוער אָן לָשׁוֹן הָרָע׳ס קֶעגְן בְּרֶסְלֶב?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַזָל טוֹב צוּם גֶעבוּרְט פוּן דִי מֵיידֶעלֶע, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל גֶעבְּן פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַסַאךְ נַחַת פוּן אַלֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ גֶעזוּנְטֶערְהֵייט.

אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם גָאר דֶערְהוֹיבֶּענֶעם רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען מִיטְצוּהַאלְטְן דָאס יָאר אִין אוּמַאן אִינְאֵיינֶעם מִיטְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, עֶס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן גֶעזָאלְין פַאר אַ גַאנְץ יָאר. שְׁבַח אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מִיר לֶעבְּן מִיט דִי

לִימוּדִים וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א לֶערְנְט אוּנְז, אוּן מִיר זֶענֶען דִי גְלִיקְלִיכְסְטֶע מֶענְטְשְׁן אוֹיף דֶער וֶועלְט.

נֶעכְטְן הָאבּ אִיךְ גֶערֶעדְט מִיט מַיין שְׁוֶוער אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן, זֵייעֶר אַ גֶעשְׁמַאקֶע שְׁמוּעֶס, אָבֶּער אִינְמִיטְן רוּפְט עֶר זִיךְ אָן אַז עֶר וִויל מִיר נָאר זָאגְן אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶע'חָלוֹמְ'ט אַז פוּן אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער וֶועט עֶר הָאבְּן דִי מֶערְסְטֶע צַעַר פוּן מִיר. עֶס הָאט מִיר גָאר שְׁטַארְק וֵויי גֶעטוּן דָאס צוּ הֶערְן, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָנְגֶעכַאפְּט אִינֶעם בֶּענְקְל אַז אִיךְ זָאל גָארְנִישְׁט עֶנְטְפֶערְן.

עֶס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, פַארְוָואס זָאל עֶר נִישְׁט הָאבְּן פוּן מִיר דִי מֶערְסְטֶע נַחַת? אֵיין טָאג פְרִיעֶר אִיז אֵיינֶע פוּן זַיינֶע זוּן גֶעוֶוען בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ אָן קַיין בָּארְד אוּן אָן קַיין פֵּיאוֹת, גֶעשְׁטִינְקֶען פוּן דְרָאגְס, אוּן עֶר זָאגְט מִיר אַז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע מָאל וָואס עֶר לֶערְנְט אַ אִידִישׁ וָוארְט אִיז נָאר וֶוען אִיךְ שִׁיק אִים אַ חִיזּוּק יוֹמִי פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

שַׁבָּת חוֹל הַמּוֹעֵד פֶּסַח הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַן אַנְדֶערֶער שְׁוָואגֶער בַּיי מִיר, שׁוֹין מֶער אַ לוֹמְדִ'ישֶׁער, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט סֶעקִירְן מַיין וַוייבּ פַארְוָואס מִיר הָאבְּן נִישְׁט יֶעדֶע סָארְט חֻמְרָה, עֶר הָאט עֶס מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין, אָבֶּער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט הָאט עֶר בִּכְלַל נִישְׁט גֶעדַאוֶונְט, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיי אִים צוּ גֵיין דַאוֶונֶען, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעגֶעבְן מַיין טַלִית, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט יָא יָא, עֶר גֵייט שׁוֹין בַּאלְד גֵיין.

מַיין הַארְץ אִיז צֶערִיסְן, פַארְוָואס דַארְף דֶעם רֶבִּינְ'ס נָאמֶען זַיין אַזוֹי פַארְשֶׁעמְט? הַלְוַאי וֶוען אִיךְ קֶען אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען מִיט וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ הָאבּ אַלְץ בַּאקוּמֶען פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, הַלְוַאי זָאל מַיין שְׁוֶוער וִויסְן דֶעם אֱמֶת וָואס הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִיז אוּן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּט אוּנְז, אַנְשְׁטָאט זִיךְ אָנְצוּהֶערְן מִיט אַלֶע נַארִישֶׁע לָשׁוֹן הָרָע'ס.

דָאס הָאט מִיךְ נָאךְ מֶער אוֹיפְגֶעפְלַאמְט צוּ הֶעלְפְן אוּן טוּן נָאךְ מֶער פַאר הֲפָצָה. מַיין קָאפּ רוּדֶערְט, אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַן עֵצָה פַאר מִיר? אִיךְ בֶּענְק זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק צוּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, אִסְרוּ חַג סוּכּוֹת, כ״ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

טַעֲנָה נִישְׁט מִיט דַיין שְׁוֶוער, טַעֲנָה נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, בִּפְרַט מִיט עֶלְטֶערְן, טאטֶע מַאמֶע שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער; אַז דוּ ווִילְסְט זִיךְ טַעְנָה׳ן - זָאלְסְטוּ גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת אוּן אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן אַלֶעס וָואס לִיגְט דִיר אוֹיפְן הַארְץ, דֶערְצֵייל אוֹיס דַיין הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג אִים דַיין גַאנְצֶע עָבַר, אוּן וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט דִיר פוּן וֶוען דוּ הָאסְט גֶעטְרָאפְן דֶעם רֶבִּי׳ן אוּן עַד הַיּוֹם וָואס עֶס פַּאסִירְט מִיט דִיר וֶוען דוּ דֶערְמַאנְסְט זִיךְ פוּן רֶבִּי׳ן, אוּן דִי הִתְעוֹרְרוּת וָואס דוּ בַּאקוּמְסְט יֶעדֶעס מָאל דוּ לֶערְנְסְט דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים.

דָאס וֵוייסְטוּ אַוַודַאי אַז דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ דָאס אַלֶעס אַלֵיינְס גֶעבְּרֶענְגְט, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט עֶס זָאל זַיין מַחֲלֹקֶת. וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן דִי הֵיילִיגֶע נְסִיעָה קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ: ״אִיךְ הָאבּ פַאר אַייךְ גֶעבְּרֶענְגְט אַ מַתָּנָה - ׳מַחֲלֹקֶת׳, פוּן הַיינְט אָן וֶועט מֶען קְרִיגְן אוֹיף אוּנְז״. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תב): ״אִיךְ הָאבּ דִי כֹּחַ אַרָאפְּצוּנֶעמֶען פוּן מִיר אַלֶע מַחֲלֹקֶת, אִיךְ הָאבּ בְּכֹּחַ צוּ מַאכְן אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט זָאל קוּמֶען צוּ מִיר אוּן זִינְגֶען ׳יְחִי אֲדוֹנֵינוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ׳, אָבֶּער אִיךְ ווִיל דָאס נִישְׁט, וַוייל עֶס אִיז דָא מַדְרֵיגוֹת וואוּ מֶען קֶען נִישְׁט אָנְקוּמֶען נָאר דוּרְךְ בִּזְיוֹנוֹת״, דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען טְשֶׁעפֶּעט אוּן מֶען שְׁפֶּעט אִיז דֶער מֶענְטְשׁ בַּיי זִיךְ צֶעבְּרָאכְן, עֶס פַאלְט אַוֶועק דֶער ׳אִיךְ׳, עֶס אִיז נִישְׁטָא דֶער ׳מִיךְ׳, ׳זִיךְ׳; דָאס הָאט דֶער רֶבִּי גֶעוָואלְט.

זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף דַיין שְׁוֶוער, הַאלְט נִישְׁט קַיין הַאס; עֶס אִיז נִישְׁט עֶר, עֶס אִיז דִי לָשׁוֹן הָרָע׳ס וָואס גֵייט שׁוֹין אָן אִיבֶּער צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר, פוּן דֶעם רֶבִּינְ׳ס צַייטְן ווִי דֶער חוֹלֵק הָאט אָנְגֶעדְרֵייט דִי אַלֶע לָשׁוֹן הָרָע׳ס. דַיין שְׁוֶוער מֵיינְט זִיכֶער אַז דִי פְּלַאץ אִיז שֶׁעדְלִיךְ, אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; וָואלְט עֶר גֶעוִויסְט וָואס דוּ אוּן דַיין וַוייבּ בַּאקוּמֶען בַּיים רֶבִּי׳ן -

וָואלְט עֶר דִיךְ גֶעטְרָאגְן אוֹיף דִי אַקְסְלֶען. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קפב): "עָלַי אֵין חוֹלְקִים כְּלָל, רַק הֵם חוֹלְקִים עַל מִי שֶׁעָשָׂה כָּךְ, כְּמוֹ שֶׁבּוֹדִים הַחוֹלְקִים עָלָיו, וְעַל אִישׁ כָּזֶה בְּוַדַּאי רָאוּי לַחֲלֹק", אוֹיף מִיר קְרִיגְן זֵיי נִישְׁט, זֵיי קְרִיגְן אוֹיף אֵיינֶעם וָואס מֶען זָאגְט אוֹיף אִים דִי אַלֶע לָשׁוֹן הָרָע׳ס אוּן אוֹיף אִים דַארְף מֶען קְרִיגְן, אוֹיף אַזַא אֵיינֶעם קְרִיג אִיךְ אוֹיךְ; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "זֵייא הָאבִּין זִיךְ אוֹיס גִישְׁנִיצְט אַ מֶענְטְשׁ, אִין קְרִיגְן אוֹיף אִיהם", אוֹיף אִים קְרִיג אִיךְ אוֹיךְ.

לֶערְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט קֶענֶען טוּן וָואס דֶער רֶבִּי פַארְלַאנְגְט פוּן אוּנְז, בְּעִיקָּר הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה; גֵיי יֶעדְן טָאג אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ אוּן שְׁמוּעֶס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן ק): "מִקָּטָן וְעַד גָּדוֹל אִי אֶפְשָׁר לִהְיוֹת אִישׁ כָּשֵׁר בֶּאֱמֶת, כִּי אִם עַל יְדֵי הִתְבּוֹדְדוּת", מֶען קֶען נִישְׁט זַיין קַיין עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אַז מֶען מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת; הֶער וֶוערְטֶער, מֶען קֶען נִישְׁט זַיין אַ אִיד נָאר דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת, נָאר אַז מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, מֶען דֶערְצֵיילְט דִי יְרִידוֹת, דִי נְפִילוֹת וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט מִיטְן מֶענְטְשׁ; נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּפְלַייסְן מִיט לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, אֲפִילוּ מֶען גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע טֶעג, אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין חַבְרוּתָא, אֲפִילוּ מִיט אַלֶע אֲפִילוּ׳ס; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "אֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין", דֶער עִיקָּר זָאל מֶען זָאגְן דִי אוֹתִיּוֹת פוּן דִי תּוֹרָה, אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, ווייל בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין.

מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים אִיז פַאר אוּנְז אַ פַארְמֶעגְן, נִישְׁטָא קַיין זַאךְ אִין לֶעבְּן וָואס דֶער רֶבִּי זָאל נִישְׁט הָאבְּן אוֹיף דֶעם אַן עֵצָה; וֶוער עֶס לֶערְנְט דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי׳ן וֶוערְט קְלָאר אִין לֶעבְּן, יֶעדֶע זַאךְ אִיז בַּיי אִים קְלָאר, עֶר וֵייסְט ווִי זִיךְ צוּ פִירְן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תצה): "אִלּוּ הָיִינוּ רוֹאִין אוֹצָר הָיִינוּ רָצִים בְּוַדַּאי

אֵלָיו, וְהָיִינוּ חוֹפְרִים וּמְלַכְלְכִים עַצְמֵנוּ בְּרֶפֶשׁ וָטִיט בִּשְׁבִיל לַחְתֹּר אַחֲרָיו וּלְמָצְאוֹ", וֶוען אִיר וָואלְט גֶעטְרָאפְן אַן אוֹצָר, וָואלְט אִיר דָאךְ זִיכֶער אַהִינְגֶעלָאפְן אוּן גֶעגְרָאבְן דָארְט כְּדֵי צוּ זוּכְן וִוי מֶער מֶען קֶען נֶעמֶען פוּנֶעם אוֹצָר, אִיר וָואלְט נִישְׁט גֶעקוּקְט צִי אִיר וֶוערְט שְׁמוּצִיג, נָאר אִיר וָואלְט אַרַיינְגֶעקְרָאכְן אִין בְּלָאטֶע אַבִּי צוּ נֶעמֶען פוּנֶעם אוֹצָר, "וַהֲלֹא אֲנִי אוֹצָר שֶׁל יִרְאַת שָׁמַיִם, וּמַדּוּעַ לֹא יִהְיוּ לְהוּטִים וְרָצִים אַחֲרַי לְקַבְּלוֹ", אִיךְ בִּין דָאךְ אַן אוֹצָר פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, פַארְוָואס לוֹיפְט אִיר מִיךְ נִישְׁט נָאךְ צוּ נֶעמֶען פוּן מַיין אוֹצָר?!

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס קֶען מֶען טוּן פַאר שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חֲלוֹמוֹת?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער נִישְׁט אוֹיף חָלוֹמ'עֶן שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חֲלוֹמוֹת, וִוי אַרַאבֶּערְס הַרְגֶ'עֶנֶען מִיךְ, זֵיי לוֹיפְן מִיךְ נָאךְ אוּן פַארְכַאפְּן מִיךְ, יֶעדֶע שְׁלָאף אַ פְרִישֶׁע חָלוֹם; וָואס קֶען מֶען טוּן פַאר שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חֲלוֹמוֹת?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ו תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן
לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שְׁלֶעכְטֶע חֲלוֹמוֹת קוּמֶען בְּדֶרֶךְ כְּלָל אָדֶער וַוייל דִי מְזוּזוֹת אִין שְׁטוּבּ זֶענֶען נִישְׁט גוּט, אָדֶער וֶוען מֶען לֵיינְט נִישְׁט קְרִיאַת שְׁמַע; דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ בַּאקוּקְן דִי מְזוּזוֹת פוּן שְׁטוּבּ אוּן זֶען עֶס זָאל זַיין כָּשֵׁר, אוּן אוֹיךְ מַקְפִּיד זַיין צוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע דַוְקָא אִין אַ קְרִיאַת שְׁמַע לֵיינֶער בְּכַוָּנָה אוּן מִיט דִי פֵּירוּשׁ הַמִּילוֹת, אַזוֹי וֶועסְטוּ מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט חָלוֹמ'עֶן שְׁלֶעכְטֶע חֲלוֹמוֹת.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת נו.) וָואס מֶען טְרַאכְט בַּייטָאג - דָאס חָלוֹמְ׳ט מֶען בַּיינַאכְט; יֶעצְט וֶוען מֶען הֶערְט דִי נַייעֶס וִוי דִי רוֹצְחִים, דִי פַארְצִיקְנְדֶע וֶועלְף, דִי אַרַאבֶּער יִמַּח שְׁמָם וְזִכְרָם - הַרְגְ׳עֶנֶען אִידְן מִיט דִי עֶרְגְסְטֶע מִיתוֹת, אוּן מֶען טְרַאכְט אַ גַאנְצְן טָאג פוּן דֶעם - דָאס מַאכְט מֶען זָאל זִיךְ חָלוֹמְ׳עֶן בַּיינַאכְט פוּן דֶעם; דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט צוּהֶערְן צוּ קַיין נַייעֶס, אוּן דוּ זָאלְסְט חַזֶרְ׳ן אֱמוּנָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט אוּנְז, הִנֵּה לֹא יָנוּם וְלֹא יִישָׁן שׁוֹמֵר יִשְׂרָאֵל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס טוּט מֶען וֶוען דִי וַוייבּ שְׁרֵייט אַסַאךְ אוֹיף מִיר?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיפְן הֵיילִיגְן "יוּד הַקָדוֹשׁ" זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז מֶען הָאט אִים גֶעגֶעבְּן דֶעם נָאמֶען וַוייל עֶר פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג אַזוֹיפִיל שְׁטֵייגְן אוּן הֶעכֶער וֶוערְן, מַמָשׁ וִוי פוּן אַ גוֹי צוּ לְהַבְדִיל דִי מַדְרֵיגָה פוּן אַ אִיד. אִיךְ קֶען זָאגְן אוֹיף מִיר אַז אֵיינְמָאל הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם, פוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א - בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן מַמָשׁ אַ נַייעֶר מֶענְטְשׁ, אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶ' מִיט דִי רֵיינֶע אוּן אֱמֶתְ'עֶ דִיבּוּרִים וָואס זֶענֶען כַּמַּיִם קָרִים עַל נֶפֶשׁ עֲיֵפָה, פוּן דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ אֱמֶת'דִיג אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶעבְּן וִוי אַ אִיד, זִיךְ פִירְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדְן טְרִיט אוּן שְׁרִיט. שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ בִּין זוֹכֶה צוּ טְרִינְקֶען דִי רֵיינֶע וַואסֶער פוּנֶעם נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה דוּרְךְ דִי קְלָארֶע הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אִיךְ וֵויס נִישְׁט וִוי אָנְצוּהוֹיבְּן אוּן עֶנְדִיגְן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן.

יֶעצְט צוּ מַיין שְׁאֵלָה; דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט זֵייעֶר אַסַאךְ פוּן שְׁלוֹם בַּיִת, רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִי וַוייבּ, הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אִיךְ פְּרוּבִּיר טַאקֶע אַזוֹי צוּ טוּן, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ גֶעלְט זַאכְן, צוּ הַאנְדְלֶען מִיט דִי בַּאנְק וְכַדוֹמֶה, אַ זַאךְ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז מִיר זָאלְן זַיין אַסַאךְ פַארְנוּמֶען מִיט דֶעם, זִיךְ

אָפְּגֶעבְּן מִיט אַסַאךְ דִירוֹת, צוּזַאמְנֶעמֶען גֶעלְט אוּן צָאלְן גֶעלְט, הַאנְדְלֶען מִיט אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען פַארְמִישְׁט דֶערִין אוּן מִיט אַדְוָואקַאטְן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער - בִּין אִיךְ זֵייעֶר שְׁוַואךְ אִין דֶעם, גָאר שְׁוַואךְ, אוּן מַיין וַוייבּ אִיז זֵייעֶר גוּט אוּן גֶערִיבְּן, זִי הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דֶעם, אוּן לְמַעֲשֶׂה טוּט זִי אִין דֶעם, אוּן עֶס מַאכְט זִיךְ אַז זִי הָאט טַעֲנוֹת אוֹיף מִיר פַארְוָואס דַארְף זִי עֶס טוּן אוּן נִישְׁט אִיךְ, אוּן זִי אִיז בֶּאֱמֶת גֶערֶעכְט, אִיךְ וָואלְט עֶס גֶעדַארְפְט טוּן, אָבֶּער פוּן זִיךְ אַלֵיין וָואלְט אִיךְ זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דִי סָארְט גֶעשֶׁעפְטְן, וַוייל אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט אִין דֶעם.

וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִי שְׁטוּב-אַרְבֶּעט, אַרְבֶּעט זִי צוּצוּגְרֵייטְן עֶסְן אוּן וַואשְׁן וֶועשׁ, זִי גְרֵייט צוּ אַלֶע בַּאדֶערְפֶענִישְׁן פוּן דִי קִינְדֶער, וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין יַד אִין דֶעם, אוּן עֶס קוּמְט אוֹיס אַז בְּעֶצֶם טוּ אִיךְ כִּמְעַט גָארְנִישְׁט אִין שְׁטוּבּ, אִיךְ וִויל גָאר שְׁטַארְק טוּן נָאךְ זַאכְן, אָבֶּער זִי לָאזְט מִיךְ נִישְׁט. אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ הֶעלְפְן וִויפִיל עֶס אִיז שַׁייךְ, וַואשְׁן גֶעשִׁיר, הֶעלְפְן מִיט גֶעבְּן נַאכְטְמָאל אוּן לֵייגְן שְׁלָאפְן דִי קִינְדֶער. אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה שְׁטֶעלְט זִיךְ אַרוֹיס אַז זִי אִיז מַמָּשׁ אַ מֶשְׁלֶמֶת זִי קֶען אַלֶעס אַלֵיין טוּן אוּן זִי וִויל אַלֶעס אַלֵיין טוּן.

אָבֶּער צוּזַאמֶען מִיט אַלֶע מַעֲלוֹת אִיז זִי צוּמָאל זֵייעֶר אָנְגֶעהִיצְט, זִי רֶעדְט זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג צוּ מִיר אוּן אוֹיךְ צוּ דִי קִינְדֶער, אַסַאךְ מָאל אִיז זִי מִיךְ זֵייעֶר מַשְׁפִּיל אוּן מְזַלְזֵל אוּן מְבַזֶה, זִי הֵייסְט מִיר וָואס צוּ טוּן, שְׁרֵייט מִיךְ אָן, אוּן רֶעדְט זֵייעֶר נִישְׁט שֵׁיין, אוּן אִין שְׁטוּבּ אִיז דָא כִּמְעַט אַ גַאנְצְן צַייט אַן אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט, בִּיז וֶוען מֶען הָאט שׁוֹין אַסַאךְ מָאל גֶעזָאגְט: "לָאמִיר גֵיין צוּם בֵּית דִין"...

אִיךְ שְׁרֵיי פַאר הִילְף! אִיךְ לֵיין יֶעדֶע וָואךְ דִי "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה", אָבֶּער אַזַא שְׁאֵלָה אִיז נָאכְנִישְׁט אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען. אַנְטְשׁוּלְדִיגְט אוֹיף דִי אֲרִיכוּת, אִיךְ וָואלְט גָאר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט בַּאקוּמֶען אַפָּאר דִּבְרֵי חִיזוּק וְהַדְרָכָה פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶער צוּ דַאנְקֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיף אַלֶעס.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ״ו תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי טו, א): "מַעֲנֶה רַךְ, יָשִׁיב חֵמָה", אַז מֶען רֶעדְט

וֵוייךְ נֶעמְט דָאס אַוֶועק צָארְן; אַז דוּ וֶועסְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִיר, דוּ וֶועסְט אִיר גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, דוּ וֶועסְט אִיר אוֹיסְרִימֶען - וֶועט זִי נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִיר.

אוֹיךְ אִיז וִויכְטִיג דוּ זָאלְסְט דָאס אַמָאל אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט אִיר פְּרִיוַואט, אִיר זָאגְן וִוי שְׁטַארְק דוּ הָאסְט אִיר לִיבּ אוּן וִוי גְלִיקְלִיךְ דוּ בִּיסְט אַז דוּ הָאסְט אִיר פַאר אַ וַוייבּ, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט - וִוי שְׁטַארְק עֶס טוּט דִיר וֵויי דִי וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט צוּ דִיר; זָאג אִיר: "אִיךְ בִּין נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף דִיר חַס וְשָׁלוֹם, דוּ בִּיסְט אַ גוּטֶע, אַ פְלִינְקֶע, אַ גֶעלוּנְגֶענֶע, דוּ בִּיסְט אַזוֹי קְלוּג - אָבֶּער מִיר טוּט וֵויי דִי וֶועג פוּן רֶעדְן".

וְעַל כּוּלָם זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, גֵיין אִין אַ שְׁטִילֶע וִוינְקְל אוּן זִיךְ גוּט אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים זָאגְן וָואס שְׁטֶערְט דִיר, בִּפְרָטֵי פְּרָטִיוּת. שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט צוּ דֶערְצֵיילְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ וָואס שְׁטֶערְט דִיר, זָאג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אֶפְשָׁר בִּין אִיךְ אַ קְלֵיין בּוּבַּאלֶע וָואס שְׁטֶערְט וִוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט צוּ מִיר, וִוי מֶען הַאלְט מִיךְ פַאר אַ חוֹזֶק, אָבֶּער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער דָאס שְׁטֶערְט מִיר אַזוֹי שְׁטַארְק, הֶעלְף מִיר עֶס זָאל מִיךְ נִישְׁט שְׁטֶערְן, הֶעלְף מִיר עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְוִוישְׁן אוּנְז, הֶעלְף - מִיר זָאלְן רֶעדְן שֵׁיין אֵיינֶער צוּם צְוֵייטְן. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין וַוייבּ אִיז אַזוֹי גֶעלוּנְגֶען אוּן זִי קֶען אַלֶעס אַלֵיינְס טוּן אוּן אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ וִוי אַ גוֹלֶם, חוֹלֶם, וִוי אַ פִיפְטֶער רָאד, הֶעלְף אוּנְזֶער שָׁלוֹם בַּיִת זָאל זַיין בִּשְׁלֵמוּת, אִיךְ זָאל אִיר שֶׁעצְן, אוּן זִי זָאל זִיךְ אוֹיךְ פִירְן צוּ מִיר שֵׁיין אוּן מִיר בֵּיידֶע זָאלְן לֶעבְּן מִיט דִיר".

בְּרוּדֶער, נִישְׁטָא קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה, נָאר תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת מִיט עַקְשָׁנוּת, נָאר בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן אוּן נָאכְאַמָאל בֶּעטְן, אוּן מִיט גֶעדוּלְד וַוארְטְן אוֹיף דִי יְשׁוּעָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

### אַ הֶערְלִיכֶע יוֹם טוֹב סוּכּוֹת

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, אִסְרוּ חַג סוּכּוֹת, כ״ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, גַּבְּאַי קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אַ הֶערְלִיכֶער יוֹם טוֹב, אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע טָאג סוּכּוֹת בִּיז מוֹצָאֵי שִׂמְחַת תּוֹרָה - אִיז גֶעוֶוען הֶערְלִיךְ שֵׁיין. מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טוּן דִי מִצְוָה פוּן סוּכָּה, דִי מִצְוָה פוּן דִי ד׳ מִינִים, דֶער מִנְהָג פוּן הוֹשַׁעְנוֹת, פוּן הַקָּפוֹת; אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע מִצְוֹת, אוּן מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס הַקְדָּמוֹת אִיז דָאס מַמָּשׁ אַ מְחַיֶּ׳.

אִיךְ הֶער זָאגְן אַז בַּיי עֶנְק אִין שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען הֶערְלִיךְ שֵׁיין, אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען הֶערְלִיכֶע גְרִיסְן, סֵיי פוּן פְּרֶעמְדֶע אוּן סֵיי פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן דִי דַאוֶוענֶען בַּיי עֶנְק, פוּן הוֹשַׁעְנָא רַבָּה אוּן הַקָּפוֹת. אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר פַאר׳ן בְּלַייבְּן אִין שְׁטֶעטְל, זֶען עֶס זָאל זַיין שֵׁיינֶע דַאוֶוענֶען אוּן פְרֵיילִיכֶע הַקָּפוֹת, אִיךְ וֶועל דִיר אַבִּיסְל שְׁרַייבְּן פוּן סוּכּוֹת אִין יְשִׁיבָה וּמְתִיבְתָּא הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

עֶרֶב סוּכּוֹת הָאט בַּיי אוּנְז זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶערֶעגְנְט, אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אִינְדֶערְפְרִי אוּן גֶעזֶען מַיין סוּכָּה אָנְגֶעפִילְט מִיט וַואסֶער, אַזוֹינְס הָאבּ אִיךְ נָאכְנִישְׁט גֶעזֶען, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין מַיין סוּכָּה אִיבֶּער צְוָואנְצִיג יָאר אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג, דִי סוּכָּה אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעפִילְט מִיט זֵייעֶר אַסַאךְ וַואסֶער. אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ מִיט

טְרֶערְן - עֶס זָאל אוֹיפְהֶערְן רֶעגֶענֶען, וַוייל עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען אַז מֶען וֶועט נִישְׁט קֶענֶען עֶסְן אִין דִי סוּכָּה, אוּן אַ מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה, עֶס הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט רֶעגֶענֶען אוּן מִיר הָאבְּן גֶעקֶענְט עֶסְן אַלֶע טֶעג אִין דִי סוּכָּה אָן דַארְפְן בִּכְלַל צוּמַאכְן דִי שְׁלַאק; קֶענְסְט אַרייִנְשְׁטֶעלְן דִי 'מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה' אִין שְׁטֶעטְל בְּלֶעטְל.

אַגַב, דִי שְׁטֶעטְל בְּלֶעטְל וֶוערְט שֶׁענֶער אוּן שֶׁענֶער. מֶען קֶען שׁוֹין הַיינְט נִישְׁט לֵיינֶען קַיין אַנְדֶערֶע מַאגֶעזִינֶען, וואו מֶען מָאלְט וַואסֶער, מֶען רֶעדְט אוּן מֶען רֶעדְט אוּן מֶען קוּמְט נִישְׁט צוּם וָוארְט; מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן תְּפִלָּה - אִיז וָואס אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט דִי גַאנְצֶע אַרְטִיקְל... אָבֶּער דִי בְּלֶעטְל - דִי צֵייטוּנְג - וָואס דוּ גֶעבְּסְט אַרוֹיס, אִיז יֶעדֶע וָוארְט 'אֵייבֶּערְשְׁטֶער', עֶס אִיז אַזוֹי שֵׁיין, אַזוֹי עֶרְלִיךְ, אַזוֹי רֵיין.

נָאר דֶער וָואס רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען לֵיינֶען אוּנְזֶער בְּלֶעטְל, אַז נִישְׁט - וֶוערְט מֶען נֶערְוֶועז פוּן נָאכְאַמָאל אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן נָאכְאַמָאל אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַזוֹי אִיז מִיט אַלֶע דִיבּוּרִים וָואס מֶען רֶעדְט אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ. קֶענְסְט אַמָאל הֶערְן, מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן, "וִוי אַזוֹי קֶענְסְטוּ לֶערְנֶען אֲשֶׁר בַּנַחַל, עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין יֶעדֶע בְּרִיוו דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ 'רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן', 'זָאג מִשְׁנַיוֹת', 'רֶעד שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ', וִוי אַזוֹי קֶען מֶען דָאס לֵיינֶען זִיבֶּעצִיג טוֹיזְנְט מָאל?!' דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, וֶוען מֶען אִיז וַוייט פוּן דִי עֲבוֹדוֹת, מֶען לֶעבְּט נִישְׁט מִיט הִתְבּוֹדְדוּת, מֶען לֶערְנְט נִישְׁט אוּן מֶען שֶׁעצְט נִישְׁט דִי וַוייבּ - קֶען מֶען טַאקֶע נֶערְוֶועז וֶוערְן פוּן דָאס הֶערְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אָבֶּער אַז מֶען גֵייט מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן - דֶעמָאלְט שְׁלִינְגְט מֶען יֶעדֶע בְּרִיוו אַזוֹי וִוי פִישׁ וָואס קוּמֶען אַרוֹיף שְׁלִינְגֶען נָאךְ אַ טְרָאפּ רֶעגְן וַואסֶער.

אַזוֹי אוֹיךְ דִי דְרָשׁוֹת אִין יְשִׁיבָה; נָאר אַז מֶען לֶעבְּט מִיט דֶעם - אִיז דָאס אִינְטֶערֶעסַאנְט, אֵיינְמָאל מֶען לָאזְט אָפּ דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדוֹת - קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט הֶערְן דִי דִיבּוּרִים, מֶען וֶוערְט שְׁרֶעקְלִיךְ נֶערְוֶועז.

דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט הָאבְּן מִיר זִיךְ אַהֵיים גֶעיָאגְט, מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעווּאוּסְט אוֹיבּ עֶס גֵייט נָאךְ רֶעגֶענֶען, מִיר הָאבְּן גֶעוָואלְט אַרייִנְכַאפְּן צוּ עֶסְן דִי כְּזַיִת אִין דִי סוּכָּה, קֶענֶען מַאכְן אַ בְּרָכָה לֵישֵׁב בַּסֻּכָּה.

אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען זָאגְן גוּט יוֹם טוֹב פַאר מַיין וַוייבּ תִּחְיֶ', זִי אִיז גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע טֶעג בַּיי אִירֶע עֶלְטֶערְן זִיךְ אַבִּיסְל אָפְּרוּעֶן, אִיךְ בִּין אִיר גֶעגַאנְגֶען בַּאגְרִיסְן אוּן זָאגְן גוּט יוֹם טוֹב. זִי אִיז אַלֵיינְס אַהֵיים גֶעקוּמֶען פוּן שְׁפִּיטָאל, אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעפָארְן אִיר אַהֵיים בְּרֶענְגֶען, צוּלִיבּ דִי שְׁוֶוערֶע רֶעגֶענְס, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס גֵייט זַיין, וִוי לַאנְג דִי וֶועג וֶועט נֶעמֶען.

אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן אַ נָאמֶען פַאר מַיין טָאכְטֶער דִי עֶרְשְׁטֶע טָאג סוּכּוֹת, וְיִקָּרֵא שְׁמָהּ בְּיִשְׂרָאֵל, מַלְכָּה, נָאךְ מַיין שְׁוֶוערְס מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, וָואס זִי הֵייסְט נָאךְ דִי בֶּעלְזְא רֶעבֶּעצִין - מַלְכָּה. אִיר טַאטֶע ר' מֹשֶׁה שְׁנֶעק עָלָיו הַשָּׁלוֹם אִיז גֶעוֶוען אַ בֶּעלְזֶער חָסִיד, אוּן הָאט אִיר אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן נָאךְ דִי גְרוֹיסֶע צַדֶּיקֶת, דִי רֶעבֶּעצִין פוּן הֵיילִיגְן שַׂר שָׁלוֹם זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. מַיין שְׁוֶוער הָרַב ר' מָרְדְּכַי אַהֲרֹן מֵייזְלִישׁ שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעדַאוֶונְט מִיט אוּנְז אוּן גֶעזָאגְט דֶעם "מִי שֶׁבֵּרַךְ", גֶעגֶעבְּן דִי נָאמֶען.

נָאכְן דַאוֶוענֶען אִיז גֶעוֶוען אַ קִידּוּשׁ אִין דִי סוּכָּה אַנְטְקֶעגְן אִיבֶּער דִי יְשִׁיבָה, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיינֶער עוֹלָם דִי עֶרְשְׁטֶע טֶעג אִין יְשִׁיבָה, מַמָּשׁ אַ מִנְיָן.

צְווִישְׁן מִנְחָה מַעֲרִיב הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט סֵפֶר מְקוֹר הַשִּׂמְחָה אוֹת סוּכּוֹת, עֶס אִיז גֶעוֶוען הֶערְלִיכֶע דִיבּוּרִים. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דַּיְקָא נָאךְ יוֹם כִּיפּוּר, נָאכְן מוֹחֵל זַיין אַלֶע עֲבֵירוֹת - דֶעמָאלְט קוּמְט יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, דֶעמָאלְט קֶען מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ, מֶען הוֹיבְּט אָן צוּרִיק שְׁפִּירְן וִוי 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר'. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה ג:): "בַּתְּחִלָּה קוֹדֶם שֶׁחָטְאוּ יִשְׂרָאֵל, הָיְתָה הַשְּׁכִינָה שׁוֹרָה עִם כָּל אֶחָד וְאֶחָד", פַאר מֶען הָאט גֶעזִינְדִיגְט הָאט דִי שְׁכִינָה גֶערוּט בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם, "כֵּיוָן שֶׁחָטְאוּ נִסְתַּלְּקָה שְׁכִינָה מֵהֶם", נָאכְן זִינְדִיגְן אִיז דִי שְׁכִינָה אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען; אוּן אַז מֶען טוּט תְּשׁוּבָה קוּמְט צוּרִיק דִי שְׁכִינָה, מֶען הוֹיבְּט אָן צוּרִיק שְׁפִּירְן וִוי 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר, עֶר הֶערְט אוֹיס וָואס אִיךְ רֶעד צוּ אִים אוּן עֶר הָאט מִיךְ זֵייעֶר לִיבּ'; דָאס אִיז וָואס מִיר זֶענֶען זוֹכֶה יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, נָאךְ יוֹם הַקָּדוֹשׁ וָואס מִיר

הָאבְּן אַלֶע זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה - זֶענֶען מִיר יֶעצְט אוּנְטֶער דִי שָׁאטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער.

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעדַאוֶועןנְט פַארְן עָמוּד דִי גַאנְצֶע עֶרְשְׁטֶע טֶעג, דִי בַּעֲלֵי תְּפִלָּה זֶענֶען גֶעוֶוען הָאַבְרֵךְ מָרְדְּכַי יִשְׂרָאֵל מֹשֶׁה נֵרוֹ יָאִיר אוּן הָאַבְרֵךְ שְׁלֹמֹה נֵרוֹ יָאִיר. אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען מַמָּשׁ אַ קְלֵיינֶער עוֹלָם, אַ מִנְיָן מְצוּמְצָם. עֶס הָאט מִיךְ דֶערְמַאנְט דָאס אָנְהוֹיבּ פוּן דִי מִנְיָן אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, ווִי עֶס אִיז גֶעוֶוען קוֹים מִנְיָן, אָבֶּער דִי לִיבְּשַׁאפְט, דִי אַחְדוּת - אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק. אִיךְ הָאף אַז אִין שְׁטֶעטְל וֶועט זַיין לִיבְּשַׁאפְט, נָאר פוּן דֶעם זָאלְסְטוּ רֶעדְן אוּן נָאר אוֹיף דֶעם זָאלְסְטוּ לֵייגְן אַ גֶעוִוּיכְט, אוּן דָאס בֶּעט אִיךְ פוּן אַלֶע גַבָּאִים הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, פַּארְלֵייגְט זִיךְ אוֹיף שָׁלוֹם אוּן לִיבְּשַׁאפְט, דָאס זָאל זַיין הֶעכֶער אַלֶעס. דֶער בְּרִיוו שְׁרַייבּ אִיךְ דִיר אָבֶּער דָאס אִיז פַאר אַלֶעמֶען, קֶענְסְט דָאס אוֹיפְהֶענְגֶען בַּיי אַייךְ אִין שׁוּל אוּן אוֹיךְ דָאס וַוייזְן פַאר אַלֶע גַבָּאִים. אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס וַוייל אִיךְ הָאבּ הַנָאָה אַז דוּ בְּלַייבְּסְט יָמִים טוֹבִים אִין שְׁטֶעטְל, דוּ בִּיסְט דָא צוּ בּוֹיעֶן אוּן הֶעלְפְן דִי שְׁטֶעטְל.

אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים פוּן שׁוּל בִּין אִיךְ אַרוֹיף צוּ מַיין שְׁוֶוער זָאגְן אַ גוּט יוֹם טוֹב. אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט בַּיי אַלֶע סְעוּדוֹת גֶעסְט בָּחוּרִים, מֶען הָאט גֶעזִינְגֶען אוּן גֶערֶעדְט שֵׁיינֶע דִיבּוּרִים, אֶפְשָׁר וֶועסְטוּ קֶענֶען עֶפֶּעס בַּאקוּמֶען פוּן זֵיי, אֶפְשָׁר וֶועסְטוּ קֶענֶען צוּרִיק בַּאשְׁרַייבְּן אִינֶעם בְּלֶעטְל שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶסְן בַּיי דִי שַׁבָּת סְעוּדוֹת. עֶס אִיז אַ שָׁאד אַז דִי וָואס הַאלְטְן מִיט דִי שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶסְן - גֶעבְּן דָאס נִישְׁט אִיבֶּער פַאר אַנְדֶערֶע, זֵיי הַאלְטְן דָאס פַאר זִיךְ; אַלֶע וָואלְטְן זִיךְ גֶעקֶענְט מְחַיֶה זַיין.

דֶעם צְוֵוייטְן טָאג סוּכּוֹת הָאבְּן מִיר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ שָׁאקְלֶען דִי ד׳ מִינִים. מִיט דִי כַּוָּנוֹת ווִי מוֹהֲרַא״שׁ לֶערְנְט אוּנְז - אִיז דִי נַעֲנוּעִים גָאר אַנְדֶערְשׁ; רֶעכְטְס - בֶּעט מֶען ׳הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, וֶוען אַלֶעס גֵייט רֶעכְטְס זָאל אִיךְ גֶעדֶענְקֶען אַז דָאס בִּיסְטוּ׳, לִינְקְס - בֶּעט מֶען ׳רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וֶוען עֶס גֵייט מִיר לִינְקְס, נִישְׁט ווִי אִיךְ ווִיל - זָאל אִיךְ גֶעדֶענְקֶען אַז דָאס בִּיסְטוּ, אִיךְ זָאל דָאס אָנְנֶעמֶען בְּאַהֲבָה׳, פָארְאוֹיס - ׳וֶוען אַלֶעס גֵייט כְּסֵדֶר, זָאל אִיךְ ווִיסְן אַז דָאס בִּיסְטוּ, אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר, אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט אַיינְרֶעדְן

אִין כֹּחִי וְעֹצֶם יָדִי', אוֹיבְן - 'וֶוען אִיךְ בִּין אַ הִימְל מֶענְטְשׁ, אִיךְ לֶערְן, דַאוֶוען און אִיךְ טוּ מִצְוֹת - זָאל אִיךְ גֶעדֶענְקֶען פון דִיר, דָאס זָאל זַיין מִיט דִיר', מֶען קֶען לֶערְנֶען און דַאוֶוענֶען און גָארְנִישְׁט הָאבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס אִיז שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ; אִינְטְן - 'וֶוען אִיךְ פַאל אַרָאפּ, בְּקַטְנוּת הַמּוֹחִין - זָאל אִיךְ זַיין מִיט דִיר, אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן אַז אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית בִּיסְטוּ אוֹיךְ מִיט מִיר', מַעֲרָב - 'פַארְקֶערְט, שֶׁלֹּא כְּסֵדֶר - זָאל אִיךְ גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ בִּיסְט מִיט מִיר'.

מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, יֶעדֶע יָאר וֶוען אִיךְ שָׁאקְל מִיט דִי כַּוָּנוֹת מוֹהֲרַא"שׁ רִינְט מִיר טְרֶערְן פון מַיינֶע אוֹיגְן, מַיין הַארְץ וֶוערְט מִיר אַזוֹי צֶעגָאסְן; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אִיךְ זָאג דִי זֶעלְבֶּע וֶוערְטֶער וָואס דִי חֲבֵרִים הָאבְּן גֶעזָאגְט פַארְן הֵיילִיגְן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ גֶעפִינֶען מִיר יֶעדֶע מָאל רֶבִּי שִׁמְעוֹן הָאט אַנְטְפְּלֶעקְט נָאךְ לִיכְטִיגְקֵייט הָאבְּן דִי חֲבֵרִים זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "וָואלְטְן מִיר נִישְׁט בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן נָאר צוּ הֶערְן דִי זַאךְ פון אוּנְזֶער רֶבִּי, דֶער הֵיילִיגֶער לִיכְט, רֶבִּי שִׁמְעוֹן - אִיז אוּנְז שׁוֹין וֶוערְד", אִיךְ זָאג דִיר אוֹיךְ: "וָואלְטְן מִיר נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען מְקוֹרָב וֶוערְן צוּם רֶבִּי'ן נָאר צוּ הֶערְן וִוי אַזוֹי מֶען שָׁאקְלְט לוּלָב און וִוי צוּ זִיצְן אִין דִי סוּכָּה - אִיז אַלֶעס וֶוערְד".

מוֹצָאֵי יוֹם טוֹב הָאבּ אִיךְ פָארְגֶעלֶערְנְט גְמָרָא, מִיר הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט מִיט דִי מַתָּנָה - דֶער סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען פון רֶבִּי'ן (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), און וֶוען עֶס קוּמְט שִׂמְחַת תּוֹרָה, מֶען טַאנְצְט מִיט דִי תּוֹרָה - אִיז מֶען אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, מֶען הָאט מִיט וָואס זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן, מֶען פְרֵייט זִיךְ מִיט דִי תּוֹרָה; מִיט חוּמָשׁ, מִיט מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא, וְעוֹד.

דֶער עֶרְשְׁטֶער טָאג חוֹל הַמּוֹעֵד אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין, מֶען הָאט גֶעדַאוֶוענְט אִין יְשִׁיבָה, אִיךְ הָאבּ פָארְגֶעזָאגְט דִי הוֹשַׁעְנוֹת. דִי נוּסָח פון הוֹשַׁעְנָא נָא - וִוי מֶען בֶּעט נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֶעלְף מִיר, הֶעלְף מִיר" - אִיז זֵייעֶר מְעוֹרֵר. בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען אַזֶעלְכֶע בְּכִיּוֹת, מֶען פְלֶעגְט זֶען אַרוּם דִי בִּימָה אִיז גֶעוֶוען נַאס, דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אַזוֹי שְׁטַארְק וֵויינֶען בַּיי דִי הוֹשַׁעְנוֹת, און פון זַיינֶע טְרֶערְן אִיז גֶעוָוארְן נַאס אַרוּם דִי בִּימָה.

מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶער גַאסְט אִין יְשִׁיבָה, אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא; עֶס אִיז

גֶעוֶוען אַ בְּרִית, מֹשֶׁה אַהֲרֹן נֵרוֹ יָאִיר הָאט גֶעמַאכְט אַ בְּרִית פַאר זַיין קִינְד. מֶען הָאט מִיךְ מְכַבֵּד גֶעוֶוען מִיט סַנְדְקָאוּת, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר מִיר אוּן פַאר דִיר אוּן פַאר אַלֶעמֶען.

נָאכְן דַאוֶוענֶען אִיז גֶעוֶוען דִי סְעוּדַת בְּרִית אִין דִי סוּכָּה, אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט אַפָּאר וֶוערְטֶער. אוֹיךְ בֶּערְל לֶעוִוי, דֶער גַבְּאַי פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּלוּמִינְגְרָאווו הָאט גֶעזָאגְט אַפָּאר וֶוערְטֶער, עֶר הָאט גֶעזָאגְט עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט תִּיקוּנִים אוּן עֶר אִיז מַמָּשׁ אוֹיפְגֶעשְׁפְּרִינְגֶען צוּ טְרֶעפְן דִי וֶוערְטֶער (תִּיקוּן סח): "גַּן עֵדֶן", וָואס אִיז גַן עֵדֶן? "מָצָא אִשָּׁה מָצָא טוֹב", אַ וואוּילֶע וַוייבּ, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי יח, כב) אַז מֶען הָאט חֲתוּנָה אִיז גוּט. "גֵּיהִנָּם", אוּן וָואס אִיז דֶער גֵיהִנוֹם? "וּמוֹצֶא אֲנִי מַר מִמָּוֶת אֶת הָאִשָּׁה", אַ שְׁלֶעכְטֶע וַוייבּ, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (קֹהֶלֶת ז, כו) אֵיין זַאךְ אִיז עֶרְגֶער פוּן טוֹיט, אַ שְׁלֶעכְטֶע וַוייבּ, "וְתַרְוַייהוּ בְּלִבָּא", אוּן בֵּיידֶע אִיז אִינֶעם הַארְץ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אַ שְׁלֶעכְטֶע וַוייבּ, אַ גוּטֶע וַוייבּ - דָאס אִיז אִין הַארְץ פוּנֶעם מַאן, "לֵב חָכָם לִימִינוֹ", אַ קְלוּגֶער צִיט זַיין הַארְץ צוּ רֶעכְטְס, עֶר טְרַאכְט 'עֶס אִיז מִיר גוּט, אִיךְ הָאבּ גוּט חֲתוּנָה גֶעהַאט, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט בֶּעסֶער פוּן מִיר', אוּן וֶוען עֶס גֵייט אִיבֶּער אִין שְׁטוּבּ, דִי וַוייבּ שְׁרֵייט, טְרַאכְט עֶר 'עֶס קוּמְט מִיר אוּן עֶס אִיז נִישְׁט עֶק וֶועלְט', (שָׁם י, ב) "וְלֵב כְּסִיל לִשְׂמֹאלוֹ", אוּן דֶער נַאר צִיט זִיךְ צוּ לִינְקְס, עֶר טְרַאכְט אַלְץ שְׁלֶעכְט, נֶעגֶעטִיוו; שְׁלֶעכְט אוֹיף זִיךְ אוּן שְׁלֶעכְט אוֹיף דִי וַוייבּ, עֶר זֶעט אַלֶע שְׁלֶעכְטְס אִין אִיר, דָאס אִיז דֶער גֵיהִנוֹם; דִי וֶוערְטֶער חַזֶר'ט מֶען טָאג אוּן נַאכְט אִין חֵדֶר הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, וִוי אַזוֹי מֶען קוּקְט אוֹיפְן לֶעבְּן - אַזוֹי אִיז דָאס לֶעבְּן, אַז מֶען חַזֶר'ט 'אַלֶעס אִיז גוּט; מַיין וַוייבּ אִיז גוּט, זִי אִיז דָאס שֶׁענְסְטֶע אוּן בֶּעסְטֶע' - אִיז עֶס טַאקֶע אַזוֹי, עֶס וֶוערְט שֶׁענֶער אוּן שֶׁענֶער, אוּן אַז מֶען טְרַאכְט 'יֶענֶער הָאט בֶּעסֶער', מֶען טְרַאכְט שְׁלֶעכְטְס אוֹיף דִי וַוייבּ - וֶוערְט דָאס לֶעבְּן מַמָּשׁ אַ גֵיהִנוֹם.

נָאכְמִיטָאג בִּין אִיךְ גֶעפָארְן אָפְּטְרָאגְן מַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' אִין אַ קִימְפֶּעטָארִין הֵיים, אוּנְזֶער קִימְפֶּעטָארִין הֵיים אִין שְׁטֶעטְל אִיז נָאכְנִישְׁט אָפְן, עֶס הֵייסְט אַז נָאךְ יוֹם טוֹב וֶועט זִיךְ עֶס עֶפֶענֶען. עֶס קוּמְט זִיךְ צוּ פַארְדַאנְקֶען פַאר אוּנְזֶער גֶעטְרֵייעֶר חַבֵר יוֹאֵל הַכֹּהֵן נֵרוֹ יָאִיר וָואס עֶר רוּט

נִישְׁט אוּן עֶר וֶוערְט נִישְׁט זַאט פוּן הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי'ן, ווִי מֶער עֶר טוּט וֶוערְט עֶר מֶער אוֹיסְגֶעהוּנְגֶערְט צוּ טוּן נָאךְ אוּן נָאךְ פַארְן רֶבִּי'ן. אוֹיךְ קוּמְט אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר מִשְׁפַּחַת אַיְיזִיק אַפֶּעל שֶׁיִּחְיוּ, סַיי עֶר אוּן סַיי זַיין וַוייבּ, בֵּיידֶע אַרְבֶּעטְן זֵייעֶר גֶעטְרֵיי פַאר דִי קִימְפֶּעטָארִין הֵיים, זֵיי וֶועלְן דָאס פִירְן אוּן זֵיי וֶועלְן זִיךְ זָארְגְן פַאר דִי קִימְפֶּעטָארִינְס, זֵיי זָאלְן זִיךְ קֶענֶען אָפְּרוּעֶן.

אַ גַאנְצֶע וָועג הָאבְּן מִיר גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע נִיסִים וָואס עֶר טוּט מִיט אוּנְז, אַז מֶען הָאט אַ קִינְד, אַ גֶעזוּנְט קִינְד, אוּן ווִיפִיל מִיר זֶענֶען שוּלְדִיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִים צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן אוֹיף זַיינֶע חֲסָדִים.

בַּיינַאכְט אִיז גֶעוֶוען דִי יָארְצַייט סְעוּדָה אִין יְשִׁיבָה, עֶס אִיז גֶעוֶוען גָאר שֵׁיינֶע דִיבּוּרִים, מֶען הָאט זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען אוֹיף אָנְהוֹיבְּן אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָדוֹשׁ לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, ווִי אֲפִילוּ אַ פַארְשְׁטָאפְּטֶע הַארְץ וָואס אִיז וַוייט וַוייט, אוֹיבּ לֶערְנְט מֶען דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן - אִיז מֶען זוֹכֶה אַז עֶס שְׁטָאפְּט זִיךְ אוֹיף אַלֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן.

מֶען הָאט גֶערֶעדְט פוּן דִי שְׁאֵלָה וָואס מֶען פְרֶעגְט אַ נְשָׁמָה וֶוען זִי קוּמְט דָארְט אַרוֹיף (שׁוֹחֵר טוֹב מִשְׁלֵי, פֶּרֶק י): "צִפִּיתָ בְּמֶרְכָּבָה", דָאס מֵיינְט מֶען נִישְׁט צוּ פְרֶעגְן אוֹיבּ מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט דִי חָכְמָה פוּן קַבָּלָה, מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ: "הַאִם חָשַׁבְתָּ מֵהַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", הָאסְטוּ גֶעטְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? בִּיסְטוּ אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען מִיט אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט אַ בֶּענְקֶענִישׁ? דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגָה צוּ וָואס מֶען קֶען צוּקוּמֶען, צוּ טְרַאכְטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער אוּן רֶעדְן צוּ אִים.

מֶען הָאט גֶעטַאנְצְן פַאר לַאנְגֶע שָׁעוֹת. וֵוייסְט אַוַדַאי וָואס בְּרֶסְלֶבְ'ער חֲסִידִים טְרַאכְטְן בַּיים טַאנְצְן, מֶען טַאנְצְט נִישְׁט וַוייל מֶען ווִיל וֶוערְן מֶער צֶעבְּרָאכְן, עֶס זֶענֶען דָא פְלֶעצֶער וָואס מֶען טַאנְצְט מֶען זָאל וֶוערְן מֶער עֶרְנְסְט אוּן מֶער דֶעפְּרֶעסְט; מִיר טַאנְצְן, וַוייל מִיר פְרֵייעֶן זִיךְ אַז מִיר זֶענֶען אִידְן אוּן מִיר טוּעֶן מִצְוֹת, מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס גֶעבְּט אוּנְז עֵצוֹת אוּן וַוייזְט אַ וֶועג פוּן יֶעדֶע פַארְקְרָאכֶענֶע ווִינְקֶל צוּ קֶענֶען צוּרִיקְקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִינְסְטָאג, דִי צְוֵוייטֶע טָאג חוֹל הַמּוֹעֵד - אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין, אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְסַיֵים זַיין נָאכְאַמָאל תִּיקוּנֵי זוֹהַר. אִיךְ בִּין זִיךְ אַזוֹי מְחַדֵשׁ וֶוען אִיךְ לֶערְן סֵפֶר תִּיקוּנִים, יֶעדֶע מָאל וָואס מֶען לֶערְנְט תִּיקוּנֵי זוֹהַר זֶעט מֶען נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מִצְוַת תְּפִילִין, מִצְוַת צִיצִית, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן הִיטְן אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ אוּן הִיטְן שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב; אִיךְ פְּרוּבִּיר זֵייעֶר שְׁטַארְק עֶס זָאל נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין אַ טָאג אָן לֶערְנֶען תִּיקוּנִים.

מִיטְוָואךְ, דֶעם דְרִיטְן טָאג חוֹל הַמּוֹעֵד - הָאבְּן מִיר גֶעדַאוֶוענְט אִין יְשִׁיבָה, אִיךְ הָאבּ פַארְן דַאוֶוענֶען מְסַיֵים גֶעוֶוען מַסֶכֶת סוּכָּה. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט מֶען זָאל לֶערְנֶען דִי מַסֶכְתָּא פוּנֶעם יוֹם טוֹב, אִיךְ טוּ דָאס אַלֶע יָארְן, אִיךְ הוֹיבּ אָן יוֹם טוֹב סוּכּוֹת מַסֶכֶת סוּכָּה אוּן עֶרְגֶעץ אִינְמִיטְן יוֹם טוֹב בִּין אִיךְ דָאס מְסַיֵים. אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ מְסַיֵים גֶעוֶוען נָאכְאַמָאל חֲמִשָׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה, שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם מִיט פֵּירוּשׁ רַשִׁ"י, אַזַא שִׂמְחָה, אַזַא פַארְגֶענוּגְן; אַז מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י אֵיינְגֶעטֵיילְט לוֹיט דִי וָואךְ - אִיז מֶען זוֹכֶה וֶוען עֶס קוּמְט סוֹף יָאר אַז מֶען עֶנְדִיגְט דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה.

נָאכְמִיטָאג בִּין אִיךְ גֶעפָארְן מִיט מַיינֶע קִינְדֶער קַיין בָּארָא פַּארְק בַּאזוּכְן מַיין טַאטֶע מַאמֶע, אִיךְ הָאבּ דָארְט גֶעדַאוֶוענְט מִנְחָה מַעֲרִיב. נָאכְדֶעם בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען בַּאזוּכְן אֵיינֶער פוּן מַיינֶע פֶעטֶערְס וָואס דַארְף אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה.

אִיךְ הָאבּ פַארְבְּרֶענְגְט בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן אַפָּאר שָׁעָה, גֶעשְׁמוּעֶסְט שֵׁיינֶע זַאכְן אוּן גֶעגֶעסְן אַ סְעוּדָה, פוּן דָארְט בִּין אִיךְ אַהֵיים לֵייגְן שְׁלָאפְן מַיינֶע קִינְדֶער. יֶעצְט יוֹם טוֹב בִּין אִיךְ דֶער טַאטֶע אוּן מַאמֶע, אִיךְ פָּארֶע זִיךְ מִיט מַיינֶע קִינְדֶער, אוּן וָואס מֶער אִיךְ פָּארֶע זִיךְ מִיט דִי קִינְדֶער - דַאנְק אִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי מַתָּנָה וָואס עֶר הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן, אַ וַוייבּ וָואס זָארְגְט אַזוֹי פַאר דִי קִינְדֶער אוּן מַאכְט מִיר גְרִינְגֶער דָאס לֶעבְּן, אִיךְ זָאל קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען.

דָאנֶערְשְׁטָאג, דִי פֶערְטֶע טָאג חוֹל הַמּוֹעֵד - אִיז גֶעוֶוען הֶערְלִיךְ שֵׁיין, עֶס זֶענֶען שׁוֹין אָנְגֶעקוּמֶען אִינְגֶעלַייט פוּן שְׁטֶעטְל צוּ זַיין אִין יְשִׁיבָה דִי

צְוֵוייטֶע טֶעג. אִיךְ פְרֶעג שְׁטֶענְדִיג דִי אִינְגֶעלַייט פוּן שְׁטֶעטְל: "וָואס טוּט מֶען אִין שְׁטֶעטְל?" אוֹיבּ מֶען רֶעדְט נָאךְ פוּן רֶבִּי'ן, אוֹיבּ מֶען בֶּענְקְט זִיךְ נָאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָדֶער עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן אַ פְּלַאץ ווִי אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער, מֶען רֶעדְט פוּן גֶעלְט אוּן פוּן דֶעם אוּן יֶענֶעם; אִיךְ פְרֶעג נִישְׁט דִי פְרַאגֶע מֶען זָאל מִיר עֶנְטְפֶערְן, אִיךְ פְרֶעג וַוייל אִיךְ ווִיל נָאכְאַמָאל דֶערְמַאנֶען דִי אִינְגֶעלַייט וָואס אִיז דִי שְׁטֶעטְל, וָואס אִיז דִי מַטָּרָה, דֶער צִיל; דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט דָאךְ פַּיינְט גֶעהַאט וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן גֶעלְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יב), אַז מִיר זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען וואוֹינֶען חוּץ לְיִשׁוּב דַארְפְן מִיר זִיךְ בֶּענְקֶען צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, זִיךְ זִינְגֶען: "אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", אַרוּמְגֵיין מִיט בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קְרֶעכְצְן אוּן שְׁרֵייעֶן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"; דִי וֶועלְט אִיז נִישְׁט אוּן מֶען קֶען זִי נִישְׁט הָאבְּן, תּוֹרָה תְּפִלָּה אִיז יָא אוּן מֶען קֶען זִי הָאבְּן; מֶען זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן אַז מִיר זֶענֶען דָא נָאר פַאר אַבִּיסְל, מִיר גֵייעֶן שׁוֹין בַּאלְד אַהֵיים, דִי גֶעלְט אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס מֶען נֶעמְט מִיט, דִי גֶעלְט בְּלַייבְּט דָא, נָאר מִשְׁנַיּוֹת אוּן בְּלֶעטֶער גְמָרָא, אוּן וְעַל כּוּלָּם דִי וֶוערְטֶער וָואס מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרוֹיס צוּ רֶעדְן, אַרוֹיס צוּ כַאפְּן - דָאס נֶעמְט מֶען מִיט.

אוֹיךְ פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זֶענֶען גֶעקוּמֶען גֶעסְט, הָאַבְרֵךְ יוֹסֵף הַכֹּהֵן, הָאַבְרֵךְ חַיִּים שָׁלוֹם, אוֹיךְ דֶער מַגִּיד שִׁיעוּר מֹשֶׁה שְׁמוּאֵל. מִיר הָאבְּן אַבִּיסְל גֶעשְׁמוּעֶסְט שֵׁיינֶע זַאכְן, שִׂיחוֹת פוּן רֶבִּי'ן. מִיר זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען דַאוֶוענֶען, בַּיי דִי נַעֲנוּעִים הָאט זִיךְ מִיר גֶעעֶפְנְט דִי הַארְץ, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר גֶעוֵויינְט פוּן בֶּענְקְשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נָאכְמִיטָאג זֶענֶען מִיר גֶעוֶוען אִין דִי סוּכָּה אִין יְשִׁיבָה, מִיר הָאבְּן גֶעזִינְגֶען שֵׁיינֶע נִיגוּנִים לְכָבוֹד יוֹם טוֹב מִיט מוּזִיק. מִיר הָאבְּן גֶעזִינְגֶען "וְכֹל מַאֲמִינִים" מִיטְן נִיגוּן וָואס מֶען זִינְגְט בַּיי אוּנְז אִין דִי מִשְׁפָּחָה, מְקוּבָּל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי אֶלְעָזָר נִיסָן, אַ זוּן פוּן הֵיילִיגְן יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. דֶער נִיגוּן הָאט מֶען גֶעזִינְגֶען בַּיים הֵיילִיגְן יֵיטֶב לֵב אוֹיף "וְכֹל מַאֲמִינִים", (דֶער נִיגוּן הָאסְטוּ גֶעזִינְגֶען דִי יָאר לֵיל רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי לְכָה דוֹדִי).

אִיךְ הָאבּ מְסַדֵּר גֶעוֶוען דִי מְלַמְּדִים אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, דִי יָאר הַבָּא עָלֵינוּ

לְטוֹבָה בִּין אִיךְ דֶער מְנַהֵל, אוֹיךְ וֶועל אִיךְ נִישְׁט זַיין אִין אָפִּיס רוֹב טָאג, אִיךְ וֶועל זַיין אִין אָפִּיס נָאר נָאךְ מִנְחָה. אִיךְ וֶועל זַיין דֶער מַגִּיד שִׁיעוּר פַּאר דִי בָּחוּרִים, מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף וֶועל אִיךְ זִיצְן מִיט זֵיי פוּן אִינְדֶערְפְרִי בִּיז נָאךְ מִנְחָה, אוּן נָאכְמִיטָאג גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר.

מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט דִי גְמָרָא שִׁיעוּר אוּן זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט דַאוֶוענֶען מִנְחָה מַעֲרִיב. מִשְׁנָה תּוֹרָה הָאט גֶעלֵיינְט אָשֵׁר רַאנְד נֵרוֹ יָאִיר, נָאךְ מִשְׁנָה תּוֹרָה הָאבְּן מִיר גֶעהַאט אַ סְעוּדָה אִין דִי סוּכָּה, דִי גֶעטְרֵייַ גַּבָּאִים יְשַׁעְיָ׳ אוּן שַׁבְּתִי הָאבְּן גֶעאַרְבֶּעט אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב, צוּגֶעשְׁטֶעלְט אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף - מִיטְן גַאנְצְן הַארְץ.

בַּיי דִי סְעוּדָה הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט מַמָּשׁ אַפָּאר וֶוערְטֶער, פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן הוֹשַׁעְנָא רַבָּה, פוּן רֶעדְן אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בַּיינַאכְט לֵיל הוֹשַׁעְנָא רַבָּה נָאכְן סְעוּדָה הָאבְּן מִיר אוֹיסְגֶעזָאגְט גַאנְץ תְּהִלִּים אוּן אַהֵיים זִיךְ אַבִּיסְל צוּגֶעלֵייגְט; מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן: ״יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת אִיז דֶער עִיקָר דָאס אוֹיפְזַיין, אוּן הוֹשַׁעְנָא רַבָּה אִיז דֶער עִיקָר דָאס זָאגְן, נִישְׁט דָאס אוֹיפְזַיין״.

פְרַייטָאג, הוֹשַׁעְנָא רַבָּה - זֶענֶען זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶע עוֹלָם אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מֶען הָאט גֶעדַאוֶוענְט אִינְאֵיינֶעם, גֶעזִינְגֶען הַלֵּל אִינְאֵיינֶעם. אֵיידֶער דִי הוֹשַׁעְנוֹת הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט אַפָּאר וֶוערְטֶער, מֶען זָאל נִישְׁט וַוארְטְן אוֹיף אַ טַעַם אָדֶער גֶעפִיל, מֶען זָאל שְׁרֵייעֶן ׳הוֹשַׁעְנָא׳, ׳הוֹשַׁעְנָא׳, ווייל יֶעדֶע וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אוֹיבְן.

צְווִישְׁן אַלֶע הַקָּפוֹת הָאבּ אִיךְ גֶערֶעדְט אַפָּאר מִינוּט, בְּעִיקָר אַז מֶען זָאל אוֹיסְנוּצְן דִי הֵיילִיגֶע מִינוּטְן זִיךְ אוֹיסְצוּקְרֶעכְצְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַרוֹיסְזָאגְן אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אֲפִילוּ מֶען אִיז בִּבְחִינַת הוֹשַׁעְנָא, בִּבְחִינַת עֲרָבָה בְּלִי טַעַם וּבְלִי רֵיחַ - דָאךְ זָאל מֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז יֶעצְט וֶוען מִיר הַאלְטְן דִי ד׳ מִינִים, דִי הֵיילִיגֶע אֶתְרוֹג, וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת רְאִיָּה, סִימָן י׳): ״הִסְתַּכְּלוּת עַל אֶתְרוֹג הוּא רְפוּאָה לִכְאֵב עֵינַיִם״, אֶתְרוֹג אִיז מְסוּגָל פַאר אוֹיגְן

וֵוייטָאג - דָאס מֵיינְט מֶען אוֹיךְ אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁמִירְט דִי אוֹיגְן - זָאל מֶען זִיךְ גוּט אוֹיסְבֶּעטְן אוּן אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דִי גַאנְצֶע נוֹשֵׂא פוּנֶעם טֶעלֶעפָאן, יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף דָאס אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס עֶר זָאל טוּן; בִּפְרַט דִי וָואס דַארְפְן דָאס הָאבְּן פַאר פַּרְנָסָה זָאלְן פְרֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "וָואס טוּ אִיךְ? ווִי אַזוֹי זָאל אִיךְ מִיךְ פִירְן? דַארְף אִיךְ אַ טֶעלֶעפָאן? דַארְף אִיךְ דִי עֶפְּפֶּס אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן? הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר? מִיט מַיין נְשָׁמָה? מִיט מַיינֶע קִינְדֶער? מִיט מַיינֶע דוֹרוֹת?" נָאר תְּפִלָּה אִיז דִי עֵצָה.

אוֹיךְ הָאבְּן מִיר זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען: "הוֹשַׁעְנָא נָא, בִּלְתְּךָ אֵין לְהוֹשִׁיעַ הוֹשַׁעְנָא נָא", מֶען דַארְף ווִיסְן אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען הֶעלְפְן, אוּן אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אַיין 'דֶער וֶועט מִיר הֶעלְפְן, יֶענֶער וֶועט מִיר הֶעלְפְן' - אִיז מֶען נֶעבֶּעךְ אַ גְרוֹיסֶער רַחְמָנוּת, ווַייל קֵיינֶער קֶען נִישְׁט הֶעלְפְן, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - עֶר גֶעבְּט פַּרְנָסָה, עֶר מַאכְט אַלֶעס אוּן טוּט אַלֶעס.

שְׁמִינִי עֲצֶרֶת בַּיינַאכְט - אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, דִי הַקָּפוֹת אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אוֹיסְנַאם שֵׁיין, יֶעדֶער אֵיינֶער בְּלִי יוֹצֵא מִן הַכְּלַל הָאט גֶעטַאנְצְן אוּן גֶעשְׁפְּרִינְגֶען, מֶען הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַזַא שִׂמְחָה.

צְווִישְׁן דִי הַקָּפוֹת הָאבְּן מִיר גֶעזִינְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער שֵׁיינֶע וַוארֶעמֶע נִיגוּנִים, מֶען הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי הַקָּפוֹת צֶען אַזֵייגֶער.

שְׁמִינִי עֲצֶרֶת אִינְדֶערְפְרִי, פַארְן דַאוֶונֶען - הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט אַ שְׁטִיקֶל פוּנֶעם סִידוּר עֵת רָצוֹן, דִי שְׁטִיקֶל פוּן אֱלוֹקַי נְשָׁמָה. מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט דָארְט אַז דִי בְּרָכָה פוּן "וְאַתָּה עָתִיד לְהַחְזִירָהּ לֶעָתִיד לָבוֹא" אוּן "הַמַּחֲזִיר נְשָׁמוֹת לִפְגָרִים מֵתִים" דָאס מֵיינְט מֶען יֶעצְט אוֹיךְ, וֶוען מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ אַזוֹי ווִי טוֹיט, מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת - קֶען מֶען זִיךְ צוּרִיק בַּאנַייעֶן, מֶען קֶען וֶוערְן צוּרִיק לֶעבֶּעדִיג, דָאס אִיז דִי שֵׁיינְקַייט פוּן צַדִּיקִים אַז זֵיי בַּאנַייעֶן זִיךְ אוּן זֵיי בַּאנַייעֶן אוּנְז מִיר זָאלְן שְׁטֶענְדִיג אָנְהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ.

מִיר הָאבְּן גֶעדַאוֶונְט, גֶעזִינְגֶען הַלֵּל אוּן גֶעבֶּענְטְשְׁט גֶשֶׁם. נָאכְן דַאוֶונֶען אִיז גֶעוֶוען אַ קִידוּשׁ, מֶען הָאט זִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען אַז דִי מַפְתֵּחַ פוּן גֶשֶׁם - פוּן פַּרְנָסָה - לִיגְט נָאר אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הֶענְט, אוּן וֶוער עֶס רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז דִי פַּרְנָסָה קוּמְט דוּרְךְ פְּלוֹנִי אַלְמוֹנִי - אִיז אַ גְרוֹיסֶער רַחְמָנוּת, דִי

שְׁלִיסְל פון פַּרְנָסָה לִיגְט נָאר בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען אַסַאךְ חֲבֵרִים פון שְׁטֶעטְל, פְרֶעג זִיךְ נָאךְ בַּיי זֵיי, מַאךְ מִיט זֵיי אִינְטֶערְוְויוּס; זָאל יֶעדֶער דֶערְצֵיילְן וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט און גֶעשְׁפִּירְט יוֹם טוֹב בַּיי אוּנְז.

בַּיינַאכְט צְווִישְׁן מִנְחָה און מַעֲרִיב הָאבְּן מִיר זִיךְ גֶעזֶעגְנְט פון דִי סוּכָּה. מֶען הָאט גֶעזִינְגֶען שֵׁיינֶע נִיגוּנִים פון יוֹם טוֹב און זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען צו לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיט מִשְׁנַיוֹת און גְמָרָא.

שִׂמְחַת תּוֹרָה בַּיינַאכְט - אִיז גֶעוֶוען הֶערְלִיכֶע הַקָּפוֹת מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שִׂמְחָה. אַסַאךְ גֶעסְט זֶענֶען גֶעקוּמֶען, אוֹיךְ חֲסִידֵי חַבַּ"ד זֶענֶען גֶעקוּמֶען, זֵיי קוּמֶען אַלֶע יָארְן. עֶס אִיז אַזוֹי שֵׁיין צוּ זֶען וִוי אִידִישֶׁע קִינְדֶער טַאנְצְן אִינְאֵיינֶעם, גֶעוֶוענְלִיךְ טַאנְצְט מֶען יֶעדֶער מִיט זַיין שֵׁבֶט, און וֶוען עֶס קוּמְט אַ צְוֵוייטֶע שֵׁבֶט וֶוערְט מֶען אוּמְבַּאקְוֶועם, אָבֶּער גֶעלוֹיבְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דָאס אוֹיסְגֶעריסְן פון אוּנְז, מִיר זָאלְן זִיךְ לִיב הָאבְּן אֲפִילוּ אַנְדֶערֶע שְׁבָטִים, אַנְדֶערֶע אָפְּשְׁטַאמֶען, וַוייל מִיר זֶענֶען בְּרִידֶער, מִיר זֶענֶען אַלֶע בְּנֵי אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב.

בַּיינַאכְט אִינְמִיטְן דִי הַקָּפוֹת אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען הַאלְבֶּע נַייעֶס פון דִי שוֹידֶערְלִיכֶע רְצִיחוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. דָאס הָאט מִיךְ זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ הָאבּ דָאס נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעוִויזְן, וַוייל יוֹם טוֹב דַארְף מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ - אָבֶּער דִי קָאפּ הָאט מִיר זֵייעֶר גֶעדְרוּקְט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין מְנוּחָה, בִּיז יֶעצְט בִּין אִיךְ זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ בֶּעט און בֶּעט אַ גַאנְצְן צַייט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הִיטְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פון סַאטְמֶער הָאט גֶעוֵויינְט וֶוען דִי עֵרֶב רַב הָאבְּן גֶעגְרִינְדֶעט דִי טְרֵיפָה'נֶע מְדִינָה, עֶר הָאט גֶעוֵויינְט אוֹיף דִי בְּלוּט וָואס גִיסְט זִיךְ און אוֹיף דִי בְּלוּט וָואס זֵיי וֶועלְן פַארְגִיסְן; הַיינְט זָאגְן אַלֶע: "אוֹי וִוי דֶער סַאטְמֶער רָב אִיז גֶעוֶוען גֶערֶעכְט". עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי דִי זֶעקְס טֶעג מִלְחָמָה הָאבְּן דִי פְרוּמֶע נָאכְשְׁלֶעפֶּער גֶעשְׁרִיגְן: "נִיסִים!" דֶעמָאלְט הָאט דֶער רֶבִּי גֶעוֵויינְט און גֶעשְׁרִיגְן פון זַיין רֵיינֶע הַארְץ אוֹיף דִי אַלְמָנוֹת און יְתוֹמִים וָואס אִיז דָא פון זִיךְ רֵייצְן מִיט דִי אַרַאבֶּער.

וִוי זֶענֶען דִי אַלֶע פְרוּמֶע נָאכְשְׁלֶעפֶּער וָואס גְרוֹיסְן זִיךְ טָאג און נַאכְט:

"מִיר הָאבְּן אַ מִילִיטֶער", "מִיר הָאבְּן דִי בֶּעסְטֶע טַאנְקֶען"? יֶעצְט זֶעט מֶען ווִי צוּשַׂאנְד אוּן צוּשְׁפָּאט זֵיי זֶענֶען, מֶען זֶעט קְלָאר אַז מֶען קֶען זִיךְ נָאר פַאַרְלָאזְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען זִיךְ נָאר פַאַרְלָאזְן אוֹיף אִים, נָאר עֶר קֶען אוּנְז הֶעלְפְן אוּן וֶועט אוּנְז הֶעלְפְן.

שִׂמְחַת תּוֹרָה בַּייטָאג אִיז דִי דַאוֶוענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין. מִיר פִירְן זִיךְ אַז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה בַּיי שַׁחֲרִית הוֹיבְּט אָן 'הָאֵ-ל בְּתַעֲצוּמוֹת' אַזוֹי ווִי יוֹם טוֹב, אוּן בַּיי 'הַמֶּלֶךְ' זָאגְט מֶען דִי נוּסָח פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן 'שׁוֹכֵן עַד' זָאגְט מֶען דִי נוּסָח פוּן שַׁבָּת, נָאכְדֶעם זִינְגְט מֶען ווַייטֶער 'רַנְּנוּ צַדִּיקִים' - מִיט דִי נוּסָח פוּן יוֹם טוֹב. אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט בַּיים דַאוֶוענֶען 'אִיךְ ווִיל נִישְׁט דִי דַאוֶוענֶען זָאל זִיךְ אַמָאל עֶנְדִיגְן, עֶס אִיז דָאךְ אַזוֹי זִיס, אַזוֹי הַארְצִיג'. מִיר זִינְגֶען 'אֵ-ל מֶלֶךְ גָּדוֹל' מִיט אַ ווַארֶעמֶע נִיגוּן, אוֹיךְ זִינְגֶען מִיר 'מִמְּקוֹמְךָ', אוֹיךְ קַדִּישׁ תִּתְקַבֵּל זִינְגֶען מִיר אַלֶע טֶעג פוּן יוֹם טוֹב.

נָאךְ שַׁחֲרִית, נָאכְן זִינְגֶען הַלֵּל - הָאבְּן מִיר אִינְאֵיינֶעם גֶעזָאגְט תִּיקוּן הַכְּלָלִי.

בַּיי דִי הַקָּפוֹת הָאבְּן מִיר גֶעטַאנְצְן מִיטְן נִיגוּן: "אַ מְחַיֶּ' פֵּיאוֹת, אַ מְחַיֶּ' בָּארְד, אַ מְחַיֶּ' צִיצִית, אַ מְחַיֶּ' תְּפִילִין, אַ מְחַיֶּ' שַׁבָּת, אַ מְחַיֶּ' סוּכּוֹת". דִי הַקָּפוֹת שִׂמְחַת תּוֹרָה אִינְדֶערְפְרִי אִיז אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, צְווִישְׁן דִי הַקָּפוֹת רֶעד אִיךְ אַפָּאר וֶוערְטֶער. יֶעדֶע הַקָּפָה רֶעדְט מֶען פוּן יֶענֶע סְפִירָה; דִי עֶרְשְׁטֶע הַקָּפָה פוּן חֶסֶד, פוּן הֲפָצָה; צְווֵייטֶע הַקָּפָה פוּן גְּבוּרָה, דְרִיטֶע הַקָּפָה פוּן תִּפְאֶרֶת, מֶען זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל לִיבּ הָאבְּן אִידִישְׁקֵייט, לִיבּ הָאבְּן אַ בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, לִיבּ הָאבְּן צְנִיעוּת, דִי פְרוֹיעֶן זָאלְן זִיךְ שֶׁערְן דִי הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה אוּן דָאס לִיבּ הָאבְּן.

בַּיי דִי הַקָּפוֹת אִיז אַ צַייט וָואס מֶען קֶען פּוֹעֶל'ן אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת אוּן מִידוֹת רָעוֹת - דוּרְךְ שִׂמְחָה, דוּרְךְ טַאנְצְן מִיט דִי תּוֹרָה.

מוֹצָאֵי יוֹם טוֹב הָאבְּן מִיר גֶעהֶערְט דִי בִּיטֶערֶע נֵייעֶס אַז אַרַאבֶּער זֶענֶען אַרַיינְגֶעקוּמֶען פוּן עַזָּה אוּן אוֹיסְגֶע'שָׁחְטְ'ן הוּנְדֶערְטֶער אִידְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, אַזַא שׂוֹידֶערְלִיכֶע שְׁחִיטָה, אוּן פַארְבַּאפְטֶע מַשְׁכּוֹנוֹת, אוּן טוֹיזְנְטֶער אִידְן זֶענֶען פַארְוואוּנְדֶעט. מֶען זֶעט מֶער אוּן מֶער וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פוּן

סַאטְמֶער הָאט אַזוֹי גֶעוויינְט וֶוען דִי מְדִינָה הָאט זִיךְ גֶעגְרִינְדֶעט, אַז עֶס וֶועט זִיךְ נִישְׁט עֶנְדִיגְן גִיסְן אִידִישׁ בְּלוּט; זַייט זִי שְׁטֵייט גִיסְט זִיךְ בְּלוּט. מֶען דַארְף אַזוֹי שְׁטַארְק בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מָשִׁיחַ זָאל קוּמֶען אוּן דֶער גָלוּת זָאל זִיךְ שׁוֹין עֶנְדִיגְן.

הוֹיבּ שׁוֹין אָן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, וַוארְט נִישְׁט אוֹיף סוֹף וָואךְ, טֵייל אַיין דִי פַּרְשָׁה לוֹיט דִי וָואךְ, יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵר זַיין, מַיין וַוייבּ אִיז יֶעצְט אַהֵיים גֶעקוּמֶען פוּן זִיךְ אָפְּרוּעֶן, אִיךְ דַארְף הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### נִישְׁט אַרָאפְּטְרֶעטְן פוּן בֶּעט אָן נֶעגְל וַואסֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, אִסְרוּ חַג סוּכּוֹת, כ״ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, חֵיפָה**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גְרֵייט זִיךְ אָן יֶעדֶע נַאכְט נֶעגְל וַואסֶער נֶעבְּן דִי בֶּעט, אַזוֹי אַז אִינְדֶערְפְּרִי זָאלְסְטוּ זִיךְ קֶענֶען אָפְּגִיסְן בַּיים בֶּעט. מוֹהֲרָא״שׁ בְּרֶענְגְט (סִידּוּר עֵת רָצוֹן סֵדֶר נְטִילַת יָדַיִם, א) אַ קַבָּלָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן רֶבִּי זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן זַיין הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶער מַגִיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ - נִישְׁט אַרָאפְּטְרֶעטְן פוּן בֶּעט אֵיידֶער זִיךְ אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער, אוֹיף דֶעם זָאגְט דֶער פָּסוּק (תְּהִלִּים לו, ה): ״יִתְיַצֵּב עַל דֶּרֶךְ לֹא טוֹב, רָע לֹא יִמְאָס״, אוֹיבּ מֶען גֵייט אַרָאפּ פוּן בֶּעט אָן נֶעגְל וַואסֶער - לוֹיפְט נָאךְ דִי נִישְׁט גוּטֶע דֶעם מֶענְטְשׁ אַ גַאנְצְן טָאג.

עֶס זָאל דִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן אַז עֶס וֶוערְט נַאס נֶעבְּן דִי בֶּעט; עֶנְדֶערְשׁ אַזוֹי,

ווי אֵיידֶער הָאבְּן צוטוּן אַ גַאנְצְן טָאג מִיט דִי סִטְרָא אַחֲרָא. גְרֵייט אָן סַיי פַּאר דִיר און סַיי פַּאר דַיין ווייבּ נֶעגְל וַואסֶער, אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אַרַיינְלֵייגְן אִין דַיינֶע קִינְדֶער זַיי זָאלְן נִישְׁט אַרָאפְּטְרֶעטְן פוּן בֶּעט אָן נֶעגְל וַואסֶער; אַזוֹי וֶועט זַיין דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ פוּל מִיט קְדוּשָׁה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַז אַייעֶר קִינְד וֶוערְט גֶעטְשֶׁעפֶּעט, רֶעדְטְס צוּם מְלַמֵד און מְנַהֵל**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, אִסְרוּ חַג סוּכּוֹת, כ״ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַז אַייעֶר קִינְד וֶוערְט גֶעטְשֶׁעפֶּעט אִין חֵדֶר - זָאלְט אִיר רֶעדְן צוּם מְלַמֵד און צוּם מְנַהֵל, און אַז עֶס הֶעלְפְּט נִישְׁט - זָאלְט אִיר נָאכְאַמָאל רֶעדְן צוּם מְלַמֵד און צוּם מְנַהֵל, אוֹיךְ אִיז וִויכְטִיג צוּ שִׁיקְן פַאְרן מְלַמֵד און פַאְרן מְנַהֵל אַ טִיפּ.

עֶלְטֶערְן דַארְפְן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי קִינְדֶער און פַאר דִי דוֹרוֹת זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיךְ און גֶעזוּנְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מַזָל טוֹב צוּ דִי חֲתוּנָה פוּן אַייעֶר זוּן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, אִסְרוּ חַג סוּכּוֹת, כ״ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי הַזְמָנָה פַאר דִי חֲתוּנָה.

מַזָל טוֹב פַאר דִי חֲתוּנָה פוּן אַייעֶר זוּן, דֶער בְּכוֹר ... נֵרוֹ יָאִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן די חָתָן כַּלָה זָאלְן בּוֹיעֶן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּב מִיט עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, אוּן אִיר אוּן אַייעֶר וַוייבּ זָאלְן זֶען אַסאךְ נַחַת פוּן דֶעם קִינְד אוּן פוּן אַלֶע קִינְדֶער.

אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן אַייעֶר זְכוּת וָואס אִיר הָאט מִיטְן מְפַרְסֵם זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת פַאר די וֶועלְט, דָאס אִיז די גְרֶעסְטֶע זַאךְ וָואס אִיז דָא; אוֹיבְן אִין הִימְל בַּארוּמְט מֶען זִיךְ זֵייעֶר מִיטְן מֶענְטְשׁ וָואס אִיז מְגַלֶה די אֱמוּנָה פַאר אַנְדֶערֶע אוּן אִיז זוֹכֶה מְקָרֵב זַיין רְחוֹקִים לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הֶער אוֹיף רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה, קֶענְסְטוּ צוּרִיק קוּמֶען אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, אִסְרוּ חַג סוּכּוֹת, כ״ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דוּ נֶעמְסְט זִיךְ פָאר נִישְׁט צוּ רֶעדְן מֶער קַיין נִיבּוּל פֶּה - קֶענְסְטוּ צוּרִיק קוּמֶען בַּיי אוּנְז אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אוֹיךְ נָאר בִּתְנַאי אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט אַרוֹיסְנֶעמֶען קַיין טֶעלֶעפָאן וְכַדוֹמֶה - קוּקְן שְׁמוּצִיגֶע זַאכְן.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ, יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען תְּשׁוּבָה טוּן, אָבֶּער נָאר אַז מֶען לָאזְט אָפּ דֶעם טוֹיטְן שֶׁרֶץ; כָּל זְמַן מֶען הַאלְט אִין הַאנְט די טוֹיטֶע שֶׁרֶץ, אֲפִילוּ מֶען טוֹבֵלְ׳ט זִיךְ אִין מִקְוֶה אַרִיזַ״ל, אֲפִילוּ מֶען גֵייט אִין אַלֶע קְוָועלֶער - בְּלַייבְּט מֶען טָמֵא. אַזוֹי זָאגְן די הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (תַּעֲנִית טז.): ״אָדָם שֶׁתּוֹפֵס שֶׁרֶץ בְּיָדוֹ, אֲפִלּוּ טוֹבֵל בְּכָל מֵימוֹת שֶׁבָּעוֹלָם לֹא עָלְתָה לוֹ טְבִילָה, זְרָקוֹ מִיָּדוֹ כֵּיוָן שֶׁטָּבַל בְּאַרְבָּעִים סְאָה מִיַּד עָלְתָה לוֹ טְבִילָה״, וֶוען אֵיינֶער אִיז טָמֵא אוּן טוֹבֵלְ׳ט זִיךְ - וֶוערְט עֶר רֵיין נָאר אוֹיבּ עֶר לָאזְט אָפּ דֶעם טוֹיטְן שֶׁרֶץ, וַוייל ווִי לַאנְג מֶען הַאלְט אָן דֶעם טוֹיטְן שֶׁרֶץ, אֲפִילוּ מֶען טוֹבֵלְ׳ט זִיךְ אִין אַלֶע

וַואסֶערְן, אִין אַלֶע מִקְוָאוֹת - בְּלַייבְּט מֶען טָמֵא, נָאר אַז מֶען וַוארְפְט אַוֶועק דִי טוֹיטֶע שְׁרָצִים - וֶוערְט מֶען טָהוֹר.

אַז דוּ ווילְסְט תְּשׁוּבָה טוּן - וַוארְף אַוֶועק דַיין טֶעלֶעפָאן אוּן אַנְדֶערֶע מַאשִׁינְדְלֶעךְ וָואס מֶען קֶען זֶען עֲבֵירוֹת, אוּן אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן.

זָאג אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת אֲפִילוּ בְּלִי הֲבָנָה כְּלַל, וֶועט אַרַיינְגֵיין אִין דִיר אַ רֵיינְקֵייט.

אִיךְ בִּין נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף דִיר, אִיךְ הָאבּ דִיךְ אַוֶועקְגֶעשִׁיקְט נָאר וַוייל בַּיי אוּנְז אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ דַארְף אִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן מֶען זָאל רֶעדְן נָאר אֵיידְל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַנְשְׁטָאט קוּקְן אוֹיף הֲרִיגוֹת אוּן רְצִיחוֹת, זָאל מֶען קוּקְן חִיזוּק אוֹיף אֱמוּנָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, אִסְרוּ חַג סוּכּוֹת, כ״ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַזוֹיפִיל גֶעלְט אִינֶעם עֶפְּפּ, עֶס אִיז מַמָּשׁ אַ שָׁאד אַז דִי עֶפְּפּ אִיז טוֹיט, נִישְׁטָא קַיין אָפְּדֶעיט; אֶפְשָׁר וָואלְסְטוּ גֶעקֶענְט הֶעלְפְן אַרוֹיפְלֵייגְן יֶעדֶע פָּאר שָׁעָה בִּילְדֶער, קְלִיפְּס, נֵייעֶס, אַרְטִיקְלֶען, בְּרִיוו, דְרָשׁוֹת אוּן וָואס נִישְׁט, מֶענְטְשְׁן זָאלְן הָאבְּן חִיזוּק; אַנְשְׁטָאט זִיצְן שָׁעוֹת קוּקְן קְלִיפְּס פוּן הֲרִיגוֹת, שְׁחִיטוֹת - זָאל מֶען קוּקְן חִיזוּק אוֹיף אֱמוּנָה.

מֶענְטְשְׁן זִיצְן רוֹב טָאג אוֹיף דִי נֵייעֶס, בִּפְרַט אִין דִי טֶעג פוּן מִלְחָמָה; מֶען וֶוערְט צֶערִידֶערְט, מֶען פַאלְט אַרַיין אִין פַּאנִיק. דִי עֶפְּפּ אִיז טוֹיט, קֵיינֶער אָפְּדֶעיט נִישְׁט, גֵייט קֵיינֶער דָאס נִישְׁט בַּאזוּכְן; מַמָּשׁ אַ שָׁאד.

אַזוֹיפִיל גֶעלְט הָאט גֶעקָאסְט צוּ אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי עֶפְּפּ אוּן דִי וֶועבְּסֵייט, אוּן יֶעצְט אִיז עֶס אָן קַיין אָפְּדֶעיט, עֶס צִיעֶט נִישְׁט קֵיינֶעם צוּ קוּמֶען לֵיינֶען, קוּקְן; מַמָּשׁ אַ שָׁאד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דַאוֶונֶען שַׁחֲרִית אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ, וָואס פְרִיעֶר אִיז בֶּעסֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ״ו תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט דִיךְ צוּ זֶען שִׂמְחַת תּוֹרָה אִין יְשִׁיבָה, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט רֶעדְן מִיט דִיר אַבִּיסְל וִוי צוּ פִירְן דִי יְשִׁיבָה אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעקוּמֶען צַייט.

אֵיין זַאךְ וִויל אִיךְ דוּ זָאלְסְט מַאכְן אַנְדֶערְשׁ וִוי בַּיי אוּנְז, אִיךְ וִויל שַׁחֲרִית זָאל זַיין פְרִיעֶר וִוי אִיךְ דַאוֶונען מִיט דִי בָּחוּרִים, אִיךְ אַלֵיינְס וִויל אוֹיךְ דַאוֶוענֶען פְרִיעֶר נָאר מִכַּמָּה סִיבּוֹת אִיז עֶס אַזוֹי. אִיךְ הָאף און אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אֵיין טָאג וֶועל אִיךְ קֶענֶען אַרוּמְדְרֵייעֶן דִי סֵדֶר מַיינֶע מִיט דִי יְשִׁיבָה אוּן דַאוֶוענֶען גָאר פְרִי, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן לא) אַז דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ, און וָואס פְרִיעֶר אִיז בֶּעסֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי נֵייעֶס פַארְכַאפְּט און פַארְוואוּנְדֶעט הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער נֶעבֶּעךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ״ו תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

שְׁטַארְק זִיךְ, און שְׁטַארְק דִי בָּחוּרִים און אוֹיךְ דִי אִינְגֶעלַייט. הֶער נִישְׁט קַיין נֵייעֶס, דִי נֵייעֶס פַארְכַאפְּט יֶעדְן טָאג מַשְׁכּוֹנוֹת; דִי רוֹצְחִים, דִי בְּלוּט דוּרְשְׁטִיגֶע וֶועלְף הָאבְּן פַארְכַאפְּט אַסַאךְ מַשְׁכּוֹנוֹת, אָבֶּער דִי נֵייעֶס פַארְכַאפְּט און פַארְוואוּנְדֶעט הוּנְדֶערְטֶער

טוֹיזנְטֶער נֶעבֶעךְ, מֶען פַּיינִיגְט זִיךְ, מֶען וֶוערְט קְרַאנְק גֵייסְטִיש הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

זָאג דִי בָּחוּרִים און אִינְגֶעלַייט זָאלְן גֵיין הַפָּצָה. יֶעצְט נֶעמֶען אַלֶע, דִי אַלֶע וָואס אַ גַאנְץ יָאר זָאגְן זֵיי פַּאר מְפִיצִים 'וָואס קוּמְט אִיר בַּיי אוּנְז, מִיר הָאבְּן אוּנְזֶער רֶבִּי און עֶנְק הָאבְּן עֶנְקֶער רֶבִּי, אִיז וָואס דַארְפְט אִיר אוּנְז אַרַיינְצְווִינְגֶען עֶנְקֶערֶע סְפָרִים?' יֶעצְט אִיז נִישְׁטָא קַיין 'אוּנְזֶער רֶבִּי' 'עֶנְקֶער רֶבִּי', אַלֶע זֶענֶען בַּאהַאלְטְן אִין דִי מַייזְן לֶעכֶער און נָאר דֶער רֶבִּי פוּן אַלֶע רֶבִּי'ס, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי - זַיינֶע סְפָרִים, זַיינֶע וֶוערְטֶער - זֶענֶען מְחַיֶּה דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**חוּמָשׁ רַשִׁ"י לֶערְנְט מֶען יֶעדֶעס יָאר פוּן פְּרִישׁ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ז תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

נֶעכְטְן בִּין אִיךְ נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּ שְׁרַייבְּן, נֶעכְטְן בִּין אִיךְ גֶעפָארְן אִין שְׁטֶעטְל; אִיךְ בִּין שוֹין נִישְׁט גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל פוּן זוּמֶער. אִיךְ בִּין נֶעכְטְן גֶעפָארְן צוּ דִי קִינְדֶער, צוּ דִי חֵדֶר און צוּ בֵּית פֵיגָא; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, בַּיי מִיר אִיז חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת מֶער פוּן אַלֶעס, אַוֶועק שְׁטֶעלְן גוּטֶע מְלַמְּדִים און גוּטֶע לֶערֶערִינְס זָאלְן לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה, לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער תְּפִלָּה; דָאס אִיז בַּיי מִיר דָאס וִוּיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ פוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ טוּ.

רוֹב טָאג אִיז מִיר אַוֶועק בַּיי דִי קִינְדֶער. אוֹיךְ בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין כּוֹלֵל, גֶעגֶעבְּן אַ פְּתִיחַת הַזְּמַן שְׁמוּעֶס. קוֹדֶם הָאט דֶער דַיָּין, דֶער רֹאשׁ הַכּוֹלֵל - גֶערֶעדְט אַפָּאר וֶוערְטֶער, און נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ גֶערֶעדְט צוּ דִי טַייעֶרֶע אִינְגֶעלַייט. דִי כּוֹלֵל אִיז אַ מַתָּנָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן פַּאר אַזוֹיפִיל יָארְן לֶערְנֶען מִיט דִי בָּחוּרִים, דִי כּוֹלֵל אִיז אַ גְרוֹיסֶער חִידוּשׁ,

דִי אִינְגֶעלַייט לֶערְנֶען זֵייעֶר פְלַייסִיג. אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט זֵיי וְוִי אַזוֹי זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן הִלְכוֹת שַׁבָּת, אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעבֶּעטְן אַז אִיךְ וְויל דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יָאר, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער - זָאל דִי קָאךְ בַּיי אוּנְזֶער בִּנְיָן אִין אוּמַאן וֶוערְן גֶעפִירְט דוּרְכְן דַיָּין אוּן דִי אִינְגֶעלַייט, אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען שְׁאֵלוֹת פוּן חִלּוּל שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב, אִיךְ וְויל אַוֶועקְשְׁטֶעלְן דִי קָאךְ זָאל זַיין גֶעפִירְט דוּרְךְ דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט, קַיין אֵיין זַאךְ זָאל מֶען נִישְׁט טוּן אָן פְרֶעגְן דִי הֲלָכָה, נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ זָאגְן פַאר אַ גוֹי טוּ אַזוֹי, מַאךְ אַזוֹי - אָן פְרֶעגְן דִי תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וָואס דִי הֲלָכָה אִיז. אַזוֹי אוֹיךְ וְויל אִיךְ אַלֶע אוּנְזֶערֶע הַצָּלָה אִינְגֶעלַייט זָאלְן בַּאקוּמֶען שִׁמּוּשׁ וְוִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן שַׁבָּת, אוּן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט מְחַלֵּל שַׁבָּת זַיין; יֶעדֶע פְּרַט וּפְרַט וִויסְן, וָואס דַארְף גֶעטוּן וֶוערְן דוּרְךְ אַ שִׁינוּי, וָואס מֶעג מֶען יָא אוּן וָואס נִישְׁט; דָאס אַלֶעס זָאל וֶוערְן אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט דוּרְךְ דִי רַבָּנֵי הַכּוֹלֵל.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ״י. חוּמָשׁ רַשִׁ״י אִיז נִישְׁט אַ שִׁיעוּר וָואס מֶען עֶנְדִיגְט אֵיינְמָאל אוּן מֶען לָאזְט דָאס אָפּ, חוּמָשׁ רַשִׁ״י לֶערְנְט מֶען בְּכָל שָׁנָה וְשָׁנָה. אַ אִינְגֶערְמַאן אִיז צוּ מִיר גֶעקוּמֶען אִין שׁוּל, נִישְׁט אִין אוּנְזֶער שׁוּל אִין אַ פְרֶעמְדֶע שׁוּל - פְרֶעגְן: ״וָואס זָאל אִיךְ דִי יָאר לֶערְנֶען אַנְשְׁטָאט חוּמָשׁ רַשִׁ״י?״ אִיךְ הָאבּ יֶענֶעם מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז חוּמָשׁ רַשִׁ״י אִיז נִישְׁט אַ לִימוּד פַאר אֵיין מָאל, אַנְדֶערֶע לִימוּדִים אִיז אַ לִימוּד וָואס מֶען קֶען אָפְּלָאזְן אוּן מֶען גֵייט צוּ אַ צְוֵוייטֶע סֵפֶר, חוּמָשׁ רַשִׁ״י דָאס אִיז דִי נְשָׁמָה פוּנֶעם אִיד, אוּן אַלֶע צַדִּיקִים הָאבְּן זֵייעֶר מַזְהִיר גֶעוֶוען זֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים צוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ״י יֶעדְן טָאג.

מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט נָאךְ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי יִשָּׂשכָר דוֹב מִבֶּעלְזְא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: ״אַ טָאג וָואס מֶען לֶערְנְט חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ״י, אִיז מֶען פַארְזִיכֶערְט אַז אִין דֶעם טָאג וֶועט מֶען נִישְׁט זִינְדִיגְן״. אוֹיךְ אִיז יָדוּעַ בַּיי אוּנְז - סַאטְמֶערֶע חֲסִידִים - אַז דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַּׁת יוֹם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעשִׁיקְט זַיינֶע צְוֵויי קִינְדֶער דֶער הֵיילִיגֶער עֲצֵי חַיִּים אוּן דֶעם הֵיילִיגְן סַאטְמֶער רֶבִּי, זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ, וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ גֶעוֶוען גָאר קְלֵיין - זֵיי זָאלְן גֵיין נֶעמֶען אַ בְּרָכָה פוּן דֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי מָרְדְכַי׳לֶע מְנַאדְבוּרְנָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע הָאט זֵיי גֶעבֶּענְטְשְׁט אוּן זֵיי גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: "קִינְדֶערְלֶעךְ, פִּילֶעוֶועט זִיךְ אִין חוּמָשׁ רַשִׁ"י (לֶערְנְט אַסַאךְ חוּמָשׁ רַשִׁ"י), וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט גְרוֹיסֶע גְאוֹנִים וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעווּיסְט וואו דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וואוֹינְט וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעלֶערְנְט חוּמָשׁ רַשִׁ"י".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## רֶעדְט מִיט דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ח תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ד

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע בְּרִידֶער אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

הַדָּבָר הָרִאשׁוֹן שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט אֱמוּנָה, חַזֶר'ט אַייךְ 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָארְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִין יֶעדֶע אָרְט, אַלֶעס אִיז עֶר אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ קֶען פַּאסִירְן נָאר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט'; מִיט אֱמוּנָה וֶועט אִיר זִיךְ קֶענֶען הַאלְטְן רוּאִיג.

גֶעבְּט דָאס אִיבֶּער פַּאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער. רֶעדְט נִישְׁט מִיט דִי קִינְדֶער קַיין נֵייעֶס, רֶעדְט מִיט דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה, אוּן וֶוען מֶען זֶעט אוּן מֶען הֶערְט דִי עֶרָאפְּלַאנֶען זִיךְ דְרֵייעֶן הֶעכֶער דִי קֶעפּ מִיט שְׁרֶעק, אוּן וֶוען מֶען הֶערְט וִוי עֶס צוּפַייפְן זִיךְ דִי פַייפֶערְס אַז עֶס קוּמְט עֶפֶּעס וָואס מֶען דַארְף זִיךְ הִיטְן - זָאלְט אִיר נִישְׁט לוֹיפְן מִיט קַיין בֶּהָלָה, נָאר טוּן וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן - זִיךְ צוּ הִיטְן אוּן הִיטְן דִי קִינְדֶער, אוּן מִיט אַ שְׁמֵייכְל, מִיט שִׂמְחָה - זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער: "קֵיינֶער קֶען אוּנְז נִישְׁט טוּן קַיין שְׁלֶעכְטְס, אוּן קֵיינֶער קֶען אוּנְז נִישְׁט טוּן קַיין גוּטְס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - עֶר אִיז מִיט אוּנְז".

הַדָּבָר הַשֵּׁנִי, מַיינֶע טֵייעֶרֶע בְּרִידֶער - הֶערְט נִישְׁט קַיין נֵייעֶס. דָאס בִּיסְל וָואס אִיר דַארְפְט וִויסְן אִין אַ צַייט פוּן מִלְחָמָה - זָאלְט אִיר הֶערְן, אָבֶער נִישְׁט זִיצְן אוֹיף דִי נֵייעֶס, וַוייל דִי נֵייעֶס אִיז עֶרְגֶער פוּן דִי צָרָה אַלֵיינְס, דִי נֵייעֶס נֶעמְט אַוֶועק דִי מוּט, עֶס וַוארְפְט אַרַיין אִין פְּחָדִים אוּן שְׁרֶעק הַשֵּׁם

יִשְׁמְרֵינוּ. נִישְׁט קוּקְן קֵיין נֵייעֶס אוּן זִיכֶער נִישְׁט דִי בִּילְדֶער אוּן וִוידִיאוֹס פוּן רְצִיחָה; דָאס אִיז נִישְׁט פַאר אַ אִיד צוּ קוּקְן, דָאס שַׁאדְט פַארְן נֶפֶשׁ, עֶס שַׁאדְט פַאר דִי הַארְץ; קוּקְן דִי וִוידִיאוֹס אוּן קְלִיפְּס - שֶׁעדִיגְט דָאס אֵיידֶעלֶע אִידִישֶׁע נֶפֶשׁ, וְדַי לַמֵּבִין.

הַדָּבָר הַשְּׁלִישִׁי, יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט זַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, מוֹסִיף זַיין נָאךְ שִׁיעוּרִים. זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י אַיינְגֶעטֵיילְט לוֹיט דִי טֶעג פוּן דִי וָואךְ, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אוֹיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת, גוֹרֵס זַיין פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אֶחָד הַמַּרְבֶּה וְאֶחָד הַמַּמְעִיט, וּבִלְבַד שֶׁיְּכַוֵּן לִבּוֹ לַשָּׁמַיִם, אֲפִילוּ בְּלִי הֲבָנָה כְּלַל, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִימּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען דַארְף זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אוּן בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין. אוֹיךְ זָאל מֶען זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין גְּמָרָא, דִי הֵיילִיגֶע גְּמָרָא - דָאס פַארְבְּרֶענְט אַלֶע קְלִיפּוֹת וּמַשְׁחִיתִים, דָאס הִיט דֶעם מֶענְטְשׁ, 'נִישְׁטָא אַזַא הֵיילִיגֶע זַאךְ וִוי אַ בְּלַאט גְּמָרָא'; מַאכְט זִיךְ שִׁיעוּרִים אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים.

הַדָּבָר הָרְבִיעִי, זָאלְט אִיר אַלֶע זָאגְן יֶעדֶע נַאכְט תִּיקּוּן חֲצוֹת אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער. רֶעדְן גוּטְס אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן אוֹיךְ אוֹיף דִי וָואס וֵוייסְן נִישְׁט פוּן תּוֹרָה וּמִצְוֹת. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, מֶען לֵייגְט זִיךְ הַיינְטִיגֶע טֶעג שְׁפֶּעט, זָאל מֶען זָאגְן אֵיידֶער מֶען גֵייט שְׁלָאפְן נָאךְ קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּיטָה - תִּיקּוּן חֲצוֹת; עֶס נֶעמְט נִישְׁט לַאנְג, עֶס אִיז אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים מִיט אַ שְׁטִיקְל קִינוֹת, אַ שָׁאד נִישְׁט צוּ זָאגְן אוּן בֶּעטְן פַאר גָּלוּת הַשְּׁכִינָה, פַאר חִילּוּל שְׁמוֹ הַגָּדוֹל וְתוֹרָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה, דָא הָאט אִיר דִי פָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ פוּן חֲצוֹת:

(קַאפִּיטְל קלז): "עַל נַהֲרוֹת בָּבֶל", (קַאפִּיטְל עט): "מִזְמוֹר לְאָסָף", נָאכְדֶעם דִי שְׁטִיקְל פוּן אֵיכָה (קַאפִּיטְל ה): "זְכוֹר ה' מֶה הָיָה לָנוּ, הַבִּיטָה וּרְאֵה אֶת חֶרְפָּתֵנוּ", אוּן דִי פְּסוּקִים פוּן נַ"ךְ: "הַבֵּט מִשָּׁמַיִם וּרְאֵה", אוּן נָאכְדֶעם תִּיקּוּן לֵאָה. עֶס נֶעמְט נִישְׁט לַאנְג, עֶס אִיז נָאךְ אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, (קַאפִּיטְל כד): "לְדָוִד מִזְמוֹר, לַה' הָאָרֶץ", (קַאפִּיטְל מב): "לַמְנַצֵּחַ

מַשְׂכִּיל לִבְנֵי קֹרַח", (קַאפִּיטְל מג): "שָׁפְטֵנִי אֱלֹקִים", (קַאפִּיטְל כ): "לַמְנַצֵּחַ יַעַנְךָ", (קַאפִּיטְל סז): "לַמְנַצֵּחַ בִּנְגִינוֹת", (קַאפִּיטְל קיא): "הַלְלוּיָהּ אוֹדֶה", (קַאפִּיטְל נא): "לַמְנַצֵּחַ בְּבוֹא אֵלָיו נָתָן הַנָּבִיא", (קַאפִּיטְל קכו): "שִׁיר הַמַּעֲלוֹת".

וְעַל כּוּלָם זִיךְ מוֹחֵל זַיין אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן, נִישְׁט הַאלְטְן קַיין פַּיינְטְשַׁאפְט אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן. יֶעצְט וְוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען אִין אַן עֵת צָרָה, דִי פֶּעלְקֶער ווִילְן אוּנְז אַלֶע טוּן שְׁלֶעכְטְס - דַארְפְן מִיר זִיךְ הַאלְטְן בְּאַחְדוּת.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר טְרַאכְטְן 'ווִי וָואלְט אִיךְ אוֹיסְגֶעזֶען אָנֶעם רֶבִּי'ן אִין אַזַא צַייט? וואוּ וָואלְט אִיךְ גֶעהַאט חִיזוּק?' דַארְף דָאס גֶעבְּן כֹּחַ פַּאר אַלֶעמֶען עוֹסֵק זַיין מֶער אִין הֲפָצָה. שֶׁעמְט אַייךְ נִישְׁט אוּן פוּילְט אַייךְ נִישְׁט צוּ עוֹסֵק זַיין אִין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי עֵצוֹת אוּן חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן, יֶעצְט נֶעמֶען אַלֶע, אֲפִילוּ דִי וָואס אַ גַאנְץ יָאר זָאגְן זֵיי 'מִיר הָאבְּן פוּן אוּנְזֶער רֶבִּי, מִיר דַארְפְן נִישְׁט פוּן עֶנְקֶער רֶבִּי'. יֶעצְט אִיז אַ צַייט וָואס אַלֶע רֶבִּי'ס בַּאהַאלְטְן זִיךְ, קֵיינֶער רֶעדְט נִישְׁט, קֵיינֶער ווֵייסְט נִישְׁט וָואס צוּ זָאגְן, יֶעצְט דַארְפְן אַלֶע דִי רֶבִּי פוּן אַלֶע רֶבִּי'ס, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, דֶער בְּרֶסְלֶבְ'עֶר רֶבִּי, רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא - זָאל אוּנְז טְרֵייסְטְן, אַזוֹי ווִי דִי תּוֹרָה זָאגְט דִי וָואךְ (בְּרֵאשִׁית ה, כט): "זֶה 'יְנַחֲמֵנוּ' מִמַּעֲשֵׂנוּ וּמֵעִצְּבוֹן יָדֵינוּ", דֶער רֶבִּי טְרֵייסְט אוּנְז פוּן עַצְבוּת אוּן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

מֵיינְט נִישְׁט אַז מִיר זֶענֶען אִין אַמֶערִיקֶע, מִיר זֶענֶען מְסוּדָר, מִיר ווֵייסְן נִישְׁט וָואס גֵייט אַרִיבֶּער; מִיר זֶענֶען גוּט צֶעבְּרָאכְן, מִיר זֶענֶען בְּרִידֶער, פוּן אִינְמִיטְן אוּנְזֶערֶע הַקָּפוֹת וָואס מִיר הָאבְּן גֶעהֶערְט אַז שָׁפְכוּ דָמִים כַּמַּיִם סְבִיבוֹת יְרוּשָׁלַיִם - זֶענֶען מִיר אַזוֹי צֶעקְלַאפְּט אוּן צֶעשׁוֹידֶערְט; מִיר דַאוֶוענֶען, מִיר זֶענֶען מִתְפַּלֵּל אַז מָשִׁיחַ זָאל שׁוֹין קוּמֶען, עֶס זָאל נִישְׁט זַיין מֶער קַיין מִלְחָמוֹת אוּן אַלֶע אִידְן זָאלְן זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער שִׁלְטוֹן הַמִּינוּת אִיז צֶעזֶעצְט גֶעוָוארְן, אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעזִינְגֶען 'מִיר הָאבְּן אַ מִילִיטֶער, מִיר הָאבְּן גֶעוֶוער' - זֶענֶען מִיט דִי צוּנְג אִינְדְרוֹיסְן (אִיךְ רֶעד נִישְׁט פוּן דִי תִּינוֹקוֹת שֶׁנִּשְׁבּוּ, אִיךְ רֶעד פוּן דִי פְרוּמֶע נָאכְשְׁלֶעפֶּער

וָואס פַאר אַבִּיסְל גֶעלְט זִיצְן זֵיי אִין דִי כְּנֶסֶת הַמִּינִים הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ), נִישְׁטָא קַיין מִילִיטֶער, נִישְׁטָא קַיין גֶעוֶוער, דָאס וֶועט זַיין וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, אַזוֹי וִוי דֶער נָבִיא זָאגְט (זְכַרְיָ׳ ד, ו): ״לֹא בְחַיִל וְלֹא בְכֹחַ, כִּי אִם בְּרוּחִי, אָמַר ה׳ צְבָקוֹת״.

חַזֶר׳ט דִי פָּאר כְּלָלִים וָואס אִיךְ בֶּעט עֶנְק, וֶועט עֶנְק גוּט זַיין בָּזֶה וּבַבָּא.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...